# בלעטל


**הכנות צו אומאן ראש השנה**
אומאן נייעס

**תם מה הוא אומר**
היכל הקודש נייעס

**די געהיימע קאקא קאלא רעסעפי**
אלץ און אלעמען

**די וואסער פילט זייער נישט גוט**
אברהם משה שטראססער

**די הערינג שאכטעלע**
משה ארי' שניצלער





## ולערב ערובו

די היסטאריע פונעם ערשטן עירוב אין קרית ברסלב | די ארבעט פונעם צווייטן עירוב | וועלכע גאסן גייט אריין אינעם נייעם עירוב | ווען וועט עס שוין זיין אין באניץ | **מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו מנהל ועד העירוב פארציילט אונז אלע פרטים פון אינטער די קוליסן פונעם מהודר'דיגן עירוב.**

**בס"ד**

עקב
תשפ"ו

**נומער**
**323**
שנה ו'

| | |
|---|---|
| **04** | עירנו |
| **08** | היכל הקודש נייעס |
| **10** | אלץ און אלעמען |
| **12** | וועלטליכע נייעס |
| **14** | צום פינטל |
| **18** | א ווארט צווי |
| **20** | א בריוו פון ר"י |
| **22** | ולערב עירובו |
| **36** | געדאנקען |
| **38** | היכל הלכה |
| **42** | א בליק אויף צוריק |
| **44** | געשעענישן |


















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב וויס, ישראל דוד העסקעל, משה ארי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס.

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**
צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל: 053.315.6938

כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

POWERED BY: אנשי חיל

# "אני לא מוותר על אף אחד מתלמידי"

דער ראש ישיבה שליט"א אין א רוף צו די קאמפיין מענעדשערס אז קיינער טאר נישט אויסגעלאזט ווערן און דער ראש ישיבה פארלאנגט פון אלע תלמידי היכל הקודש אן אויסנאם זיך אנצושטרענגן און גיין נאך געלט פאר אונזער עתיד!



**כ"א-כ"ג אב**

די דאטום ווען דיין 'לעבנסגעשיכטע' וועט אנהייבן אינספערירן.

## לעבנסגעשיכטע

# אידנו

## די מוסדות לאך

פאראגנגענע וואך האבן זיך די חברי הנהלה אראפגעזעצט מיטן ראש ישיבה שליט"א דורכצושמועסן וואס מען קען טון, נאכדעם וואס די מוסדות געפינט זיך אין א גאר טיפן פינאנציעלן לאך.

דער לאך האט זיך געשאפן צוליב עטליכע פאקטארן, ווי למשל דאס וואס געוויסע עלטערן צאלן נישט דעם שכר לימוד געהעריג,

ווי אויך איז ארויסגעקומען פונעם חשבון אז די קאסטן פון טראנספארטאציע פער קינד קומט אויס בערך $250 א חודש אויב מען דארף צאלן פאר דרייווערס; און אפילו מיט דעם וואס מיר האבן ב"ה געטרייע אינגעלייט וואס געבן אוועק פון זייער צייט בהתנדבות אדער פאר קליין געלט צו דרייוון די קינדער, קומט נאך אלץ אויס די פרייז צו אביסל אונטער $200 א חודש פאר א קינד, וואס דאס קען בשום אופן נישט געדעקט ווערן פון די נישטיגע סומע פון $350 פער יאר וואס מען בעט יעצט.

די הנהלה איז איבערגעגאנגען פארשידענע אפציעס וויאזוי צו דעקן די הויכע הוצאות פון די מוסדות. צווישן די אפציעס איז אויפגעקומען דער געדאנק אינגאנצן אפצושטעלן די אייגענע טראנספארטאציע און עס איבערגעבן פאר א פריוואטע פירמע, אדער צו בעטן א העכערע פרייז פאר טראנספארטאציע.

ווי אויך האט מען איבערגעקוקט די פרייזן פון די באסעס צו זען אויב עס לוינט זיך בעסער דער יעצטיגער מהלך פון ניצן אלטע באסעס, אדער אויב עס קומט אויס ביליגער צו קויפן נייע באסעס וואס וועט שפארן די קאסטן פון מעקעניקס און ווער גרינגער געדעקט ווערן דורך נדבנים.

צום סוף איז אויך ארויפגעברענגט געווארן די געדאנק אפצושטעלן די טראנספארטאציע פאר די עלטערן וואס צאלן נישט קיין שכר לימוד, וואס טראץ דעם וואס דער ראש ישיבה האט אוועקגעשטעלט א תקנה אז מען ווארפט נישט ארויס א קינד צוליב דעם וואס די עלטערן צאלן נישט קיין שכר לימוד, דארף מען אבער נישט אויך צושטעלן טראנספארטאציע.

עס זענען ארויסגעברענגט געווארן די ווערטער פון רביה"ק מסאטמאר זי"ע, וועלכער האט געפרעגט פארוואס עלטערן מאכן זיך נישט וויסנדיג פון שכר לימוד; האט מען אים געענטפערט אז ביי לעקטער, אויב מען צאלט נישט, האקט מען עס אפ. האט ער אויף דעם געענטפערט, אז ווען מען צאלט נישט קיין שכר לימוד האקט מען אויך אפ (די הצלחה ודו"ל)...

עס שטעלט זיך טאקע ארויס אז קיינער בלייבט נישט שולדיג געלט פאר לעקטער, אבער פאר שכר לימוד ליידער יא.

מיר האפן צום אייבערשטן אז אלע עלטערן וועלן זיך טאקע אנשטרענגען אפצוצאלן זייער שכר לימוד באלאנס, און מיר וועלן לאזן מעלדן ווען עס וועט זיין א החלטה וויאזוי ווייטער צו גיין.

## ווילידזש הייזער

ווי אלע וויסן האט לעצטנס די ווילידזש געגנט אין שטעטל אנגעהויבן שטארק צו מצליח זיין.

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

חברי הנהלה

## זמנים לשבת קודש

**פרשת עקב**
**י"ח אב**

הדלקת הנרות .. 07:59

מוצאי שבת ...... 09:28

**מנחה**
**מעריב**

פרשת ראה
09:07

## טוי׳באוט וואדטשאר



ביים ארבעטן אויפן נייעם עירוב אין ווילידזש

## נייעס׳לעך

דאס קומט צוליב דעם וואס דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן אהין צו גיין אפטער, ווי אויך האבן אנשי שלומינו אנגעהויבן זיך מער אריבערצוציען אהין נאכדעם וואס עס זענען דא דארט זייער גוטע דיעלס.

ווען מען רעדט פון גוטע דיעלס, מיינט מען דוקא נישט קיין אינוועסטמענטס; דאס קומט נאכדעם וואס לעצטנס האט זיך א גרויסע פאבריק פארמאכט און די אלע גוי'אישע ארבעטער האבן זיך אוועקגעצויגן, וואס דאס האט גורם געווען אז אין אזא קליינע ווילידזש פון קוים 2,000 הייזער זאלן בלייבן אסאך ליידיגע הייזער צו פארדינגען.

אויב אן אינוועסטער דארף שטיין ליידיג עטליכע חדשים, ספעציעל מיט די הויכע ליבערטי טעקסעס, איז עס פאר אים א גרויסער שאדן.

אבער פון די אנדערע זייט האט דאס גורם געווען אז זייער אסאך הייזער האבן שטארק געדראפט אין פרייז; למשל, א הויז וואס האט פאר א האלב יאר צוריק געקאסט $440,000, קאסט יעצט - בלויז עטליכע חדשים שפעטער - אונטער $300,000. דאס מאכט אז פאר איינעם וואס זוכט צו וואוינען איז יעצט א גאר פאסיגע צייט צו קויפן א הויז, ספעציעל אז עס זענען דא זייער שיינע אפציעס פאר גוטע פרייזן.

מען קען רופן דעם חבר הנהלה מו"ה העניך אינדיג הי"ו צו הערן מער אינפארמאציע.

$360

איך טו צו
די זאך

איך העלף דעם
רבינ'ס זאך



קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

# אהחוי

נאך א ספר
נאך א קונטרס
נאך א גליון
נאך א סידי




*sruliHeskel

פונעם רבינ'ס ליסט

$1800

איך ברענג פאר חפצה

$1000

איך קום נישט לעדא



# דעם רבינס זאַך

איך קום צום רבי'ן
מיט פולע טאשן
איך בין עוסק אין:

רופט שוין: 347.578.4449

# היכל הקודש נייעס



## בוי-ארבעט פונעם נייעם היכל הקודש בנין אין אומאן רוקט זיך פאראויס

מיט יעדן פארבייגייענדן טאג ווערט די בענקשאפט שטארקער צו פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה. מען שפירט אין די לופטן דעם רבי'נס רוף: "קיינער טאר נישט פעלן", "ראש השנה קען איך יעדן פארריכטן". אנשי שלומינו ווילן שוין קויפן טיקעטס צו קענען פארן צום הייליגן רבי'ן, און די טראוועל אגענטן אדווערטייזן שוין אין גרויסן די פילע טיקעט אפציעס וואס מען קען נעמען.

אין די זעלבע צייט קומען אריין פרישע אפדעיטס אז דער פראיעקט אויפצובויען דעם נייעם בנין אין אומאן רוקט זיך פאראויס מיט גרויסע טריט. פון די בילדער וואס מיר האבן באקומען פון אומאן קען מען זען ווי מען האלט שוין נאכ'ן אויפציען די שטארקע פונדאמענט-ווענט, און מען רוקט זיך שוין צום קומענדיגן פאזע, מען בויעט שוין די פלאָרס.

עס איז אינטערסאנט צו וויסן אז דער גאנצער בילדינג ווערט געבויט אלס א "סופערסטראָקטשער". דאס מיינט אז דער גאנצער בנין וועט שטיין אויף שטארקע קאָנקריט זיילן און סעמענטענע פלארס, און אלע פשוט'ע ווענט וואס וועלן שפעטער צוקומען דורכאויס דעם בילדינג וועלן בלויז דינען ווי "מחיצות" – פשוט אפצוטיילן צווישן איין צימער און דעם צווייטן. דאס איז נישט ווי געווענליך אין אסאך בנינים וואס טייל פון די ווענט זענען א חלק פונעם סטרוקטור וואס מען קען נישט אוועקנעמען.

מען בויט דעם פלאָר אויפ'ן סייט מיט א ספעציעלע סיסטעם. אנשטאט צו ברענגען גרייטע צעמענטענע פלענקס, שטעלט מען אויף א צייטווייליגן האלצענעם פרעים, אונטערגעשטיצט מיט פילע אייזערנע שטאנגען. אויף דעם פרעים וועט מען ארויפגיסן דעם נאסן צעמענט, וואס וועט ווערן דער פלאָר פונעם ערשטן שטאק. דער פראצעס נעמט אביסל צייט – מען וועט דארפן ווארטן בערך א חודש ביז דער צעמענט טריקנט זיך אינגאנצן אויס און ווערט הארט ווי א שטיין. דאן וועט מען בעז"ה קענען אראפנעמען די האלצענע פלאטפארמע, און דער פלאָר וועט שוין קענען שטיין אליין אויף אירע אייגענע פיס.

עס איז וויכטיג צו דערמאנען אז אנצוקומען קיין אומאן גייט נישט סתם אזוי מיט'ן קויפן א טיקעט; צוערשט קומט פארשטייט זיך תפילה, וואס אן דעם קען מען דאך גארנישט אויפטון. בפרט ווען עס קומט צו פארן צום רבין קיין אומאן, לייגט זיך דער סמ"ך מ"ם אריין מיט אלע כוחות צו שטעלן שטיינער אין וועג. אבער ווי אנשי שלומינו האבן שוין געזען אין די פארגאנגענע יארן, האט מען מיט תפילות זוכה געווען צו שיינע זאכן, און אומאן ווערט שענער און בעסער יעדעס יאר.

פאר אנשי שלומינו איז דאס זיין אין אומאן אויף ראש השנה א זאך אויף וואס מען קען נישט מוותר זיין; "לב יודע מרת נפשו" - יעדער וויל תשובה טון, יעדער וויל זיין אן אמת'ער ערליכער איד, און יעדער דארף ישועות. וויאזוי קען מען דען בלייבן אינדערהיים ווען דער רבי האט צוגעזאגט אז ער וועט זיין א לאָיער פאר יעדן איינעם וואס קומט צו אים אויף ראש השנה? און כאטש דער סמ"ך מ"ם לייגט אונטער שטיינער און פיסלעך פון אלע זייטן, טוען אנשי שלומינו מתפלל זיין מען זאל דאס אלעס קענען איבערקומען, און זוכה זיין צו זיין ביים הייליגן רבין אויף ראש השנה.

## הראש השנה שלי עולה על הכל

**גרשון קרעמער**




# תם מה הוא אומר
## נייע הערליכע אפטיילונג אויף "קול ברסלב"

מען דארף פאר קיינעם נישט פארשטעלן דעם הערליכן ליין "קול ברסלב", דער ליין וואס האט געמאכט - און מאכט נאך אלץ - א רעוואלוציע אין די אידישע וועלט . טויזנטער אידן פון נאנט און ווייט רופן כסדר אריין צו הערן א גוט ווארט, אדער עפעס וואס וועט זיי אריינגעבן א רוח החיים, זיי אויפלעבן און דערנענטערן צום אייבערשטן.

דער טעלעפאן נומער פונעם האטליין איז באקאנט אין די גאנצע אידישע וועלט: 212-444-9191. דאס איז א גרינגע נומער וואס אפילו אויב מען האט עס נישט ביי די האנט, איז עס גרינג צו געדענקען. די ערשטע זעקס נומערן, 212-444, זענען א באקאנטע אנהייב פאר אסאך אידישע טעלעפאן האטליינס, און די לעצטע פיר נומערן, 9191, זענען מרמז אויפן שם צ"א (וואס באשטייט פוןביידע שמות הקדושים צוזאמען - הוי"ה און אדנ"י) צוויי מאל. אזוי ארום, ווען איינער האט נישט די נומערן ביי די האנט, דארף ער זיך נאר דערמאנען פונעם אייבערשטן, און ער וועט זיך גלייך דערמאנען די נומערן פונעם האטליין.

די נייע אפטיילונג גייט שוין אן פאר צוויי וואכן און ציט צו זיך גאר אסאך צוהערער. דער נייער פראגראם ווערט איבערגעגעבן דורך מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו אינאיינעם מיט מו"ה יצחק ראזענבוים הי"ו – וועלכער האט שוין יארן צוריק באקומען דעם זיסן צונאמען "יצחק דער תמים" – און עס ברענגט אריין א פרישקייט אין תמימות ופשיטות ביי אנשי שלומינו און ביי אלע צוהערער.

ווי זיי זאגן, איז דער געדאנק ארויסצוקומען מיט דעם שמועס געבוירן געווארן אלס א רעאקציע צו די היינטיגע נסיונות. מיר לעבן היינט אין א וועלט פיל מיט פאדקעסטס, טאלק-שאוס און פארגעשריטענע האטליינס, וואס זענען ליידער אפטמאל אנגעפילט מיט ליצנות און קאלטקייט.

דאס זיך צוהערן צו זיי קען זייער שנעל אפקילן א מענטש, פארברענען די ריינע אמונת חכמים און אוועקנעמען די פשוט'ע תמימות. כדי צו געבן פאר אידישע קינדער א ריינע און הייליגע פלאץ זיך אויסצוליפטערן, האבן די צוויי חשוב'ע אידן מאנשי שלומינו אונטערגענומען דעם פראיעקט צוזושטעלן א היימישע "שיחת חברים", וואס וועט אונז העלפן האלטן די תמימות אויף וואס מיר בעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג.

אזוי ווי דער ציל איז צו זיין א גוטע אדרעס פאר "שיחת חברים", האבן די אינגעלייט געעפנט א ספעציעלע טעלעפאן ליניע וואו די צוהערער קענען איבערלאזן הערות, קאמענטארן, און מיטטיילן זייערע אייגענע השגחה פרטיות מעשיות. מען קען נאר לאזן וואויסמעיל מעסעדזשעס (נישט קיין טעקסט) אויף 845-467-7718, און מיט דעם מיטטיילן מיטן ציבור מעשיות פון וואס אנדערע קענען זיך אויך מחזק זיין און אריינברענגען נאך אמונה אינעם טאג-טעגליכן לעבן.

כדי אנצוקומען צו דעם אפטיילונג דארף מען רופן "קול ברסלב" אויף 212-444-9191, דערנאך דרוקט מען 1 פאר אידיש, 4 פאר שמועסן, און 9 איז באשטימט פאר די נייע אפטיילונג "תם מה הוא אומר".

### התהלך עמו בתמימות

# אלץ און אלעמען




## די געהיימע קאקא קאלא רעצעפי

**שאלה**

איך האב לעצטנס געליינט איבער די גאר באקאנטע "קאקא-קאלא" פירמע. עס איז דארט געשטאנען אז די פונקטליכע רעצעפט וויאזוי מען מאכט דעם געטראנק איז א געהיימער סוד וואס ליגט פארשלאסן אין א שטארקן סעיף, און בלויז געציילטע מענטשן אויף דער וועלט ווייסן דעם צוזאמשטעל. איז דאס טאקע אמת?

אויב עס איז טאקע אזוי, וויאזוי קען מען געבן א הכשר דערויף? דער רב אדער דיין מוז דאך זען יעדע זאך וואס מען לייגט אריין דערין איידער ער גיט א הכשר.

א לייענער

**ענטפער**

איר פרעגט א זייער גוטע שאלה. עס איז אמת אז די אריגינעלע רעצעפי פון קאקא-קאלא איז איינע פון די גרעסטע ביזנעס סודות אויף דער וועלט, אבער ווען עס קומט צו כשרות, מאכט מען נישט קיין שום פשרות.

עס זענען דא שמועות אז די וועג וויאזוי מען גיט א הכשר איז אז קאקא-קאלא ווייזט זיי א ווערהאוז מיט למשל הונדערט אינגרידיענטס, וואס בלויז א קליין חלק פון זיי ווערט פאקטיש גענוצט אינעם געטראנק, און וויבאלד די רבנים באשטעטיגן אלעס אלס כשר, קענען זיי געבן א הכשר דערויף אן וויסן די פונקטליכע געהיימע רעצעפט.

אבער דאס איז אין פאקט נישט אמת. די רבנים (ווי די 'או-יו' אין אמעריקע און הרב לאנדא פון בני ברק) וועלכע גיבן דעם הכשר, באקומען יא פולע צוטריט און קענען זען פונקטליך יעדע איינציגסטע אינגרידיענט וואס גייט אריין אינעם געטראנק. אבער די דיינים און משגיחים דארפן אונטערשרייבן א שטרענגע "נאן-דיסקלאוזשער עגרימענט" (NDA - א קאנפידענשעליטי קאנטראקט), אז זיי טארן בשום אופן נישט ארויסגעבן דעם סוד פאר קיינעם.

זונטאג פרשת ואתחנן, ה' אב, איז געפאלן די יארצייט פונעם דער הייליגער אר"י הקדוש, וואס "כל רז לא אנוס ליה" - ער האט געוויסט די געהיימסטע סודות, און מיר אלע לעבן היינט פון זיין תורה און קדושה וואס איז איבערגעגעבן געווארן פאר אונז דורך זיין גרויסן תלמיד, רבי חיים וויטאל ז"ל.

עס שטעלט זיך די שאלה: וואס איז געווען זיין גרויסער סוד? וויאזוי האט ער זוכה געווען צו אזעלכע מדרגות אין קדושה, און באוויזן צו זען וואס טוט זיך אין אלע וועלטן, וואס ער האט מגלה געווען פאר זיינע תלמידים? וואס איז געווען זיין געהיימע "רעצעפי"? איז עס נאך אלץ א סוד?

דער אמת איז אז יא. כאטש דער געהיימער סוד איז שוין ארויסגערינען - זיין גרויסער תלמיד רבי חיים וויטאל האט עס בפירוש געשריבן אין זיינע כתבים - דאך איז עס נאך אלץ א סוד. דאס איז פון די פלאי הבריאה, וויאזוי צדיקים קענען מגלה זיין גרויסע סודות, זאכן וואס אויב מען ווייסט זיי קען מען אנקומען צו די גרעסטע מדרגות, אבער עס בלייבט נאך אלץ א סוד.

פראגעס און
ענטפערס איבער
אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

alemen@bletelmagazine.com – 845-445-7447

מען קען מיינען אז דער געהיימער רעספעי צו ווערן אזא קדוש וטהור ליגט אין פאסטן שווערע תעניתים משבת לשבת, אדער מאכן סיגופים און זיך וואלגערן אין שניי וואס דער קערפער קען קוים איבערטראגן.

אבער ניין! רבי חיים וויטאל זי"ע שרייבט, אז ער איז אנגעקומען צו זיינע מורא'דיגע מדרגות בלויז דורך שמחה של מצוה!

ער האט געזאגט, אז יעדעס מאל וואס ער האט מקיים געווען א מצוה, האט ער זיך אזוי שטארק געפריידט דערמיט, פונקט ווי א מענטש וואס באקומט יעצט א טעלעפאן רוף פון די לאטערי אפיס אז ער האט געוווינען א ביליאן דאלער און ער ווערט יעצט א ריזיגער עושר. "דאס" - שרייבט ער - "האט אים אויפגעהויבן אזוי הויך."

## עמפינדליך צו א פראסטע שפראך

**שאלה**

איך בין לעצטנס אריין אין די ברסלב'ע חדר, און איך זע אז אין דעם חדר איז דא א נייע שפראך. מען רעדט שיין, מען באדאנקט זיך אויף יעדע זאך. אז א יונגל דארף עפעס, בעט ער שיין און איידל: "זיי מוחל, קען איך עס האבן?" מיין רבי, הר"ר יואל טייטלבוים שליט"א, זאגט אז אויב מ'פארגעסט צו בעטן שיין, איז ער "אלערדזשיק" (עמפינדליך).

אבער איך וואונדער מיך: אויב ער איז אלערדזשיק, פארוואס באקומט ער נישט קיין רויטע באקן? איך זע דאך נישט קיין שום אלערגיע רעאקציע?

**ענטפער**

ס'איז דא עטליכע מיני אלערגיע רעאקציעס. עס זענען דא מענטשן וואס זענען אלערדזשיק צו געבן קאמפלימענטן. עס זענען דא מענטשן וואס זענען אלערדזשיק צו זאגן "שכח". און עס איז אויך דא פארקערט: א מענטש ווערט אלערדזשיק ווען יענער באדאנקט זיך נישט, אדער אויב א מענטש רעדט אומאיידל, אזוי ווי ביי קמצא און בר קמצא וואס ווען דער בעל הבית האט געזען אז בר קמצא זיצט ביי זיין סעודה, איז ער געווארן זייער בייז און אים אנגעשריגן: "וואס זוכסטו דא? דו ביסט דאך מיין שונא! שטעל דיך אויף און גיי ארויס פון דא!"

וואס האסטו טענות אויפ'ן בעל הבית פונעם סעודה? דער מענטש וואס האט געמאכט די סעודה איז דאך געווען א "נארמאלער" מענטש; כ'מיין "וואס זוכסטו דא? מען האט דיר דאך נישט גערופן!"

ער האט אים נישט ארויסגעשיקט סתם פאר גארנישט, ער איז געווען א "נארמאלער מענטש", אבער ביים הייליגן רבי'ן איז מען אלערדזשיק אויף אזא סארט שפראך.

עס זענען דא מענטשן וואס ווערן רויט ווען זיי זאגן דעם אמת. דער מענטש האט נעבעך אזוי פארדרייט זיין מח, אז ער ווערט פארשעמט ווען ער זאגט דעם אמת. ער זאל זאגן א קאמפלימענט? ער שעמט זיך ארויסצוזאגן א גוט ווארט פאר א צווייטן. ער דארף עפעס? עס איז אים א בושה צו בעטן שיין. אבער ביי אונז איז פונקט פארקערט: פארלאנגען און באפעלן "איך דארף...", אן בעטן שיין אדער זאגן א שכח - דאס איז א בושה.

דער הייליגער רבי האט געזאגט, אז אויב קעניגן און קייסערן וואלטן געזען דעם דרך ארץ און די מידות טובות פון זיינע לייט, וואלטן זיי געשיקט זייערע קינדער לערנען דרך ארץ ביי אונז. מוהרא"ש זי"ע האט דערציילט, אז ברסלב'ע חסידים האבן קיינמאל נישט גערעדט צו קיינעם מיט א לשון פון "דו!" - "קום אהער, דו!". זיי האבן אלעמאל גערעדט איידל: "קענט איר אפשר אהערקומען?" זיי האבן גערעדט א שיינע, הייליגע שפראך.

לאמיר בעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן שטענדיג האבן א שיינע און הייליגע שפראך, רעדן שיין צו יעדעם, און אין דעם זכות זאלן מיר מקרב זיין די גאולה.

# וועלטעלע




## אמעריקע סטראשעט אז זיי וועלן פארמאכן דעם אינטערנאציאנאלן געריכט

דער אמעריקאנער סעקרעטערי אוו סטעיט, מארקא רוביאו, האט לעצטנס פארעפנטליכט אן ארטיקל אין איינע פון די באקאנטע צייטונגען, וואו ער מעלדט איבער אן אגרעסיווע קאמפיין מצד די אמעריקאנער רעגירונג אונטער פרעזידענט דאנאלד טראמפ, אינגאנצן אונטערצוברענגען דעם אינטערנאציאנאלן קרימינאלן געריכט (די ICC) וואס געפינט זיך אין האג, האלאנד.

לויט ווי רוביאו טענה'ט, איז די ICC א סכנה פאר די אמעריקאנער זעלבסטשטענדיגקייט. די רעגירונג זאגט אז אונטער טראמפ האט די אדמיניסטראציע אנגענומען אן "אמעריקע פוירסט" מהלך, און אמעריקע מוז זיין אומאפהענגיג און זיך נישט לאזן דיקטירן דורך אויסלענדישע ריכטער איבער וויאזוי מיר פירן אונזערע מיליטערישע אדער גרעניץ ענינים. דער קאמפיין צילט אויך צו לייגן דרוק אויף אנדערע לענדער דורך דיפלאמאטישע מיטלען און מעגליך אויך דורך סאנקציעס, אז זיי זאלן אפצוהאקן זייער שטיצע פארן געריכט. "מיר דארפן קוקן אויף אונזערע אייגענע אינטערעסן און באשיצן אונזערע בירגער פון ארייגעשלעפט ווערן אין אינטערנאציאנאלע קאורטס," האט ער געזאגט.

פון אונזער זייט ווילן מיר אויסדרוקן אונזער פולקאמע סאלידאריטעט מיט'ן סעקרעטערי אוו סטעיט רוביאו. ער זאגט דאך אזוי פיין: "לאמיר פארמאכן דעם קאורט, אויפהערן צו משפט'ן אנדערע, און לייגן דעם פאקוס אויף זיך אליין." דאס איז דאך ממש וואס דער הייליגער רבי לערנט אונז.

די משנה לערנט אונז "הוי דן את כל אדם לכף זכות", אז מ'דארף יעדן איד דן זיין לזכות און קוקן אויף א צווייטן מיט א גוט אויג. אבער פון די אנדערע זייט זאגט די משנה "אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו", אז מ'זאל בכלל נישט פראבירן צו משפט'ן א צווייטן. דא שטעלט זיך א שטארקע שאלה: דארף מען יא דן זיין א צווייטן – נאר טאקע אויף א גוטן אופן – אדער זאל מען בכלל נישט אריינגיין אין דעם ענין פון משפט'ן א צווייטן?

נאר ביידע זענען אמת. קודם לאמיר פארמאכן דעם "שאפ". מיר גייען ארויסהענגען א גרויסן סיין אויף אונזער קאורט און זאגן פאר יעדן איינעם וואס קומט אונז בעטן מיר זאלן זאגן א דעה אויף א צווייטן, אז דער "אינטערנאציאנאלער געריכט" איז פארמאכט. דער ריכטער איז פארנומען מיט וויכטיגערע ענינים; ער דזשאדזשט זיך אליין. איך קוק אויף מיר אליין צו זען אויב ביי מיר איז אלעס מסודר.

אבער ווען עס קומט צו די מענטשן וואס זענען אנגעוויזן אויף אונז – ווי למשל א מלמד אדער א טיטשער צו די תלמידים, א מאן און ווייב צווישן זיך, אדער עלטערן צו זייערע קינדער – דארט מוז מען יא ניצן די כלי פון קוקן מיט א גוט אויג.

מען דארף געדענקען אז נישט יעדעס ווארט איז גלייך 'חוצפה', און נישט יעדע טעות מיינט אז עס איז שלעכט. אויב מיר וועלן אנקוקן אונזערע קינדער מיט א פאזיטיוון בליק, וועלן מיר זיי קענען מחיה זיין און אויפהייבן, כדי זיי זאלן קענען אויפוואקסן ערליכע און געזונטע קינדער בס"ד.

וועלטליכע נייעס
מיט די ברסלב'ע
טעם

גרשון קרעמער




## נייע, מער זיכערע פוד סטעמפס קארטלעך אין ניו יארק און ניו דזשערסי

אין די לעצטערע יאָרן זענען צענדליגער היימישע משפחות וואָס געניסן פון די פוד סטעמפס פראגראם (EBT), ליידער געפאַלן קרבנות צו שווינדלער. פאַרברעכער האָבן אויסגענוצט די פּרימיטיווע סיסטעם פון די פוד סטעמפ קארטלעך – וואָס מען דארף "סווייפּן" – און האָבן אַרויפגעלייגט "סקימינג" אַפּאַראַטן אויף די מאַשינען אין די געשעפטן. דורכדעם האָבן זיי געגנב'עט די קאַרטל אינפאָרמאַציע און אינגאנצן אויסגעליידיגט די בענעפיטן פון די קארטלעך.

די פראבלעם איז געווען אז עס איז געווען כמעט אוממעגליך צו באמערקן די אפאראטן, און נאכדעם וואס מען איז אריינגעפאלן אין דעם נעץ, איז געווען זייער שווער זיך ארויסצוזען דערפון.

יעצט קומט ברוך השם אריין די גוטע נייעס אז די צוויי סטעיטס, ניו יאָרק און ניו דזשערזי, וואו עס וואוינען פילע היימישע אידן, האבן באשלאסן צו טון עפעס זאכליך דאס צו באקעמפן. אַז מען וועט אָנהייבן אַרויסשיקן נייע בענעפיט קאַרטלעך וואָס וועלן פאַרמאָגן אַ סעקיוריטי "טשיפּ", ענליך צו די היינטיגע קרעדיט קאַרדס, דאס וועט מאכן פיל שווערער און כמעט אוממעגליך פאַר קרימינאַלן צו גנב'ענען די אינפאָרמאַציע.

אבער ביז די נייע קאַרטלעך קומען אָן, בעטן די סטעיט באַאמטע אַז דער עולם זאָל זיין פארזיכטיג און נוצן די עקזיסטירנדע זיכערהייט מיטלען צו באַשיצן די בענעפיטן. איין עצה וואס זיי זאגן איז, מען זאל "איינפרירן" דאס קאַרטל דורכן טעלעפאן אויב מען ווייסט אז מען וועט עס נישט נוצן פאר עטליכע טעג. אזוי אויך זאל מען קיינמאָל נישט אַרויסגעבן קאַרטל אינפאָרמאַציע פאר א צווייטן דורך טעקסטן, אימעילס אדער טעלעפאָן קאָלס פון אומבאַקאַנטע. און זיכער זאל מען פאר קיינעם נישט איבערגעבן דעם "פּין" נומער.

אין די זעלבע צייט דארף מען זייער אכטונג געבן פונעם גרויסן סקעמער וואס לאקערט אויף אונז יעדן טאג און יעדע מינוט. זיין עיקר ציל איז צו גנב'ענען אונזער טייערסטע פארמעגן - עפעס וואס מיר פארמאגן בלויז א באגרעניצטע סכום דערפון, און אויב עס ווערט גערויבט פון אונז, קען מען עס מער נישט צוריקבאקומען; דאס איז "צייט".

די גוטע נייעס איז, אז עס איז דא צו באקומען א ספעציעלע פארגעשריטענע "טשיפּ", דאס איז "לעבן מיט'ן יעצט". אויב א מענטש וועט אלעמאל בעטן פונעם אייבערשטן "העלף מיך איך זאל קענען אויסנוצן מיין יעצטיגע מינוט אויפ'ן בעסטן אופן", וועט אים דאס באהיטן און באשיצן, און אים העלפן באקומען אלע בענעפיטן אויף וואס ער איז בארעכטיגט.

אבער אפילו אויב מען איז שוין חלילה בא'גנב'עט געווארן, איז נאך אלץ דא וואס צו טון. א מענטש קען שטענדיג אנהייבן פון דאס ניי און תשובה טון אויף וואס עס איז געווען; מיט דעם איז ער מעלה זיין גאנצע פארגאנגעהייט, און ווען א מענטש טוט תשובה ווערט אלעס איבערגעדרייט צום גוטן.

# די וואסער פילט זייער נישט גוט...

הי... טאקע... די וואסער... די וואסער האט זיך באליידיגט? דו קענסט עס נישט טון! פארוואס באליידיגן די וואסער.

קוק אהער, אז "ער" באליידיגט זיך, איז דאס "זיין" פראבלעם... און בכלל, האסטו שוין אמאל געהערט אזא זאך אז וואסער זאל זיך באליידיגן... גאנץ גוט, הע? וואסער באליידיגן... איך וועל דיר זאגן דעם אמת, איך האב נישט קיין אנונג פון וואס דו רעדסט. אנפילן וואסער? אויסליידיגן וואסער? אפשר פון דעם רעדסטו גע'פילן בא'ליידיגן, האסטו זיך פארמישט מיט די ווערטער, אנפילן, אויסלייגן... האסטו געמיינט א ווערטער-שפיל אויף 'געפילן', און 'באליידיגן'.

אקעי, איז לאמיר גיין צושטייטליך און צולייגן די גאנצע סיפור דא. איך האב נישט געמאכט קיין טעות, און קוק וועסטו זען פון וואס מיר רעדן דא:

האסט געטרונקען וואסער פון דעם גרוב? ביסט געווען דארשטיג? האסטיך מחיה געווען? נו, יעצט ווארף נישט אריין קיין שטיינער דארט... הערסטע, שפיי נישט אריין דארט... ווייל ווי נישט ווי קען דאס וואסער באקומען א שלעכטע פילינג. הממם... האסטאך געטרינקען פון מיין וואסער דא, א-יא? נו, ווארף מיר נישט קיין שטיינער.

און דאס איז נישט סתם א טעאריע אדער א שיינע געדאנק, אזא מין טשאלעדע באדעלע". ניין! עס איז א חז"ל מפורשת: "בירא דשתית מיניה לא תשדי ביה קלא".

איך ווייס אז דו האסט נישט קיין אאאנונג... דו קענסט נישט קיין אראמיש. איז דא אויף אידיש: האסטו געטרונקען פון דעם גרוב? יעצט ווארף נישט אריין קיין שטיינער דארט... הערסטע, שפיי נישט אריין דארט... ווייל ווי נישט ווי קען דאס וואסער באקומען א שלעכטע פילינג. הממם... האסטאך געטרינקען פון די וואסער דא, א-יא? נו, ווארף מיר נישט אריין קיין שטיינער.

אזוי איז עס אוועקגעשטעלט תורה'דיג; מיר האבן דאך נישט מיט קיין טעראפיסטן אדער מיט גויאישע געדאנקען.

הביטה וראה, קוק אריין אין די תורה וועסטו זען אז דאס איז דער תורה'דיגער וועג פון טראכטן. ביי מכת דם, ווער האט געשלאגן דאס וואסער אין מצרים אז די וואסער-מאטעריאל זאל פארוואנדלט ווערן אין בלוט-מאטעריאל? ווען עס איז געקומען דער באפעל אויף גאנץ מצרים - וואסער זאל ווערן בלוט - איז געקומען א זייטיגע נאטיץ: ווארט! נישט משה רבינו; ער טאר דא נישט אריינרעדן און ער טאר נישט שלאגן דאס וואסער. ווייל... ווייסט פארוואס? ווייל מען מוז זיך דא רעכענען מיט פילינגס מען מוז טאקע אנלערנען די מצריים און זיי געבן בלוט אבער כמו שכתוב, אבער נישט דו!

דערמאן דיך, נו געדענקסט איינמאל ווען דו ביסט נאך געווען דאס קליינע מוישעלע, און מען האט דיך - פונקט ווי אלע אנדערע אידן - געוואלט ווארפן אין וואסער, איז דיין מאמע געגאנגען און דיך געבויט א קליין תיבה'לע און דיך באהאלטן ביים וואסער, איז יעצט גרויסע משה רבינו: האלט! שלאג נישט! געב איבער דעם כיבוד פאר אהרן'ען, דו האסט א חיוב הכרת הטוב א גאנץ לעבן; טשעפע נישט מיט וואסערישע געפילן,

נקודות וואס
דערגרייכן דאס
פינטעלע איד

## הרב אברהם משה שטראססער

בלוט איז נישט קיין וואסער...

אבער עס שטעלט זיך נישט אפ דא, עס גייט נאך א טריט ווייטער. שטיינער, זאמד, ערד אלע האבן פילינגס, טאקע? עד כדי קראך? יא! אזוי זעט אויס. די מצרים האבן זיך נישט געלערנט, נישט פון דעם בלוט און נישט פון די פרעש, יעצט וועלן זיי זיך דארפן באקראצן, עס קומען נייע צייטן, מצרים קען זיך נישט באקראצן... בחינם קומט כינים, די פיינפולע, לויזיגע כינים'דיגער מכה פון כינים. - לייז; מען גייט קנאקן אין דער ערד און גאנץ מצרים וועט ווערן פול מיט לייז.

אבער ווארט, א קליין נאטיץ ווערט צוגעשריבן: נישט משה! משה, דו קענסט נישט שלאגן, דו וועסט מוזן מכבד זיין ס'ברודער. דו קענסט נישט ווי טון דער ערד... דערמאן דיך... נו... געדענקסט? יא, יא, ווען דתן און אבירם האבן געהאט צו טון מיטן מצרי, האסט געמאכט א שווייג, "ויפן כה וכה", און דעם מצרי אין-דער-ערד געלייגט, יא? יעצט קענסטו נישט גיין ווי טון דער ערד. זעט ציך אויס אז וואסער און זאמד האבן געפילן, און מען דארף זיך רעכענען מיט זייערע געפילן.

אבער גיי א טריט ווייטער: עס איז נישט נאר זאמד און וואסער. שטיינער... קאלטע שטיינער וואס קענען זיך נישט רירן פון ארט, אבער רעספעקט! דו כהן! ווען דו גייסט ארויף אויפן שטיינערנעם מזבח, מוזטו גיין מיט קליידער וואס זאלן באדעקן כדי נישט צו פארשעמען די שטיינער דא. אקעי, איך הער, איך טענה נישט; שטיינער, וואסער, ערד, זאמד - אלע האבן פילינגס... אינטערעסאנט. זאג מיר נישט אז דו האסט נאך זאכן וואס האבן פילינגס... אה, ניין? קוק ווי שטארק דו געסט אכטונג אויף א סידור, א תהילים, א ספר, ווער רעדט נאך פון א ספר תורה. פאפיר מיט טינט זיי האבן אויך געפילן? דער ספר ווייסט צו דו קושט אים צו דו שלאגסט אים?

איך מיין אז דאס איז נישט ממש אינגאנצן אזוי; וואסער זעט נישט,

וואסער זעט נישט, שטיינער פילן נישט, זאמד ווערט נישט באליידיגט, און פאפיר הערט נישט. עפעס זעט דא אויס אז עס האט נישט צוטון מיט די באטרעפנדע; עס איז נישט קיין "חיוב חפצא", עס איז א "חיוב גברא".

שטיינער פילן נישט, זאמד ווערט נישט באליידיגט, און פאפיר הערט נישט. עפעס זעט דא אויס אז עס האט נישט צוטון מיט די באטרעפנדע; עס איז נישט קיין "חיוב חפצא", עס איז א "חיוב גברא"... עס זענען נישט די וואסער, שטיינער, זאמד, פאפיר אדער טינט וואס זענען דא דער פאקטאר, עס איז עפעס וואס האט צוטון מיט "דיר".

יא, דו מענטשעלע, איך מוז מיך צוגעוואוינען: האב א געפיל צו א ______, האב הכרת הטוב צו א ______, און נישט ווייל יענער דארף עס אדער ווייל יענער שפירט עס, נאר ווייל **'דו דארפסט עס'** און ווייל **'דו שפירסט עס'**, עס איז וויכטיג אז 'דו' זאלסט אריינבאקן אין דיין נשמה געפילן און הכרת הטוב. איך דארף מכיר טוב זיין פאר...? נישט קיין חילוק פאר וועם אימער, אבער ער דארף עס דאך נישט? ביסט גערעכט, ער דארף עס טאקע נישט! און דאס איז די פוינט פון וואס מיר רעדן היינט: **יענער** דארף נישט אז דו זאלסט שיין רעדן צו אים (אפשר?), יענער דארף נישט אז דו זאלסט אים מכבד זיין (יכול להיות?), יענער דארף נישט אז דו זאלסט רעדן שיין צו אים (אזוי גאר?), יענער גייט נישט אן אז דו רעדסט אויף אים (בכלל נישט...!), און יענער גייט **קיינמאל** (קיינמאל? זאג עס נאכאמאל...) נישט וויסן אז איך האב גערעדט שלעכטס אויף אים.

אבער! א גרויסע אבער: **דו דארפסט עס**: "אז דו זאלסט רעדן שיין צו אים; **דו דארפסט עס**: "אז דו זאלסט יענעם מכבד זיין; **דו דארפסט עס**: "אז דו זאלסט נישט רעדן אויף אים. און כאטש ער וועט טאקע קיינמאל נישט וויסן אז דו האסט אים בארעדט, אבער 'דו' גייסט יא וויסן אז דו האסט גערעדט אויף אים.

# פינטל.

און אז יענער איז האלב געבאקן און ער שטעלט זיך ארויס מיט א טאלאנט – ער קען טאנצן (אזוי ווי א האן) ער קען זינגען (אפף טאאן) – און דו הייסט אים טאנצן און זינגען, בשעת ער מיינט אז דו קוועלסט נחת פון זיין שיין געזינגעכץ און געטאנצעכץ, און ער גייט קיינמאל נישט וויסן אז דו האסט געמאכט פון אים דאס גענאר; אבער דו, דו האסט פארפעלט וואס דו האסט געדארפט טון. ווייל נישט נאר ווען דו האסט צו טון מיט א מענטש וואס האט פילינגס, נאר אפילו ווען דו זעסט א שטיין אויפן גאס, דארפסטו זיך צובייגן צו אים – פאר דיר - און זאגן: "אך, וואסערע צוקערדיגער שטיין דו ביסט! וואסערע שיינע שטיין דו ביסט!" איי, וואס, ווי, ווען, ווער? יא! פאר דיר דיינע אויגן דארפן אלעמאל זוכן מיט דארשט: ווי ווען וועמען קען מען יעצט מאכן א גוט געפיל, איך טרעף נישט קיין מענטש, לאמיר עס חזר'ן אויף וואסער, אויף ערד, אדער אויף פאפיר.

ניין, נישט ווייל זיי שפירן, נאר ווייל דו שפירסט! דיין מח איז פארדרייט, עס זוכט ווי מען קען זיך אונטערהאלטן אויף יענעמ'ס חשבון, ווי מען קען יענעם בארעדן אדער ווייטון; איז מאך עקסערסייז אז דו זאלסט געבן א גוטן געפיל אפילו פאר א קלאץ, און נישט סתם א קלאץ, נאר פאר א שטיין.

דו מוזסט אריינבאקן אין דיר גוטע מידות; געוואוין זיך צו צו קוקן גוט אויף 'זאכן'. למשל אויף עסן: דו זעסט א עסן וואס דו האסט נישט ליב (שבת), אדער עפעס וואס דו גלייכסט נישט (חול), זאג נישט "פעך" אדער "עקלדיג". נישט ווייל דאס עסן הערט און באליידיגט זיך... ניין, נאר ווייל **דו הערסט** און **דו בא'ליידיג'סט דיך** פון א געלעגנהייט נאכאמאל צו רעדן שיין און איידל, און מכבד זיין א זאך.

יעדע מאל וואס דו זאגסט אויף א זאך ס'איז אזוי גוט, אזוי שיין, אזוי וואויל - אפילו נישט אויף א מענטש - געוואוינסטו צו **,דיין פארדרייטע דיך'** צו זיין א גוטע מענטש, צו זיין א געזונטע מענטש, און צו קוקן אויף זאכן אזוי ווי דער אייבערשטער קוקט אויף זאכן.

אגב, נאכדעם ווען וועסטו האבן א בענעפיט אז דו וועסט זיין באליבט ביי יעדעם; פלאי פלאים, עס ארבעט ממש ווי מעדזשיק. און אגב, נאכדעם וועט די גאנצע וועלט האבן א בענעפיט, ווייל עס וועט זיין אויף דער וועלט נאך א מענטש וואס וועט זיין צוגעוואוינט צו געבן לעבן פאר מענטשן און צו געבן אטעמען פאר מענטשן עס וועט זיין נאך א מענטש וואס וועט טראכטן: "איי, דער איז דאך אזא וואוילער מענטש, עס איז נעבעך א רחמנות אויף אים, ער איז נעבעך אריבער שוועריגקייטן", אנשטאט צו טראכטן אדער זאגן: "דער שגץ דארטן, די שיקצע דארטן, דער שלעכטער, דער באנדיט, דער שטייטער, דער קלאץ, דער נעבעך".

אוי, ווי שיין, לעכטיג און זיס האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט! עס איז א שאד אז מיר צובראכענע מענטשן זאלן זיך נישט צוגעוואוינען צו געבן "אקסידזשען" פאר מענטשן, מען קען ראטעווען די גאנצע וועלט מיט דעם איינעם פסוק: "לא תעלה במעלות על מזבחי אשר לא תגלה ערותך עליו" - פארשעם נישט קיין שטיין, שלאג נישט קיין זאמד. אוי קען מען סעיוועןן די וועלט מיט דעם איינעם חז"ל וואס לערנט אונז נישט צו שלאגן וואסער וואס פילט נישט, זעט נישט און הערט נישט; אזוי ארום וועלן מיר בלייבן גוטע מענטשן מיט גוטע, פאזיטיווע און געזונטע נאטורן.

הערליך... ניין? צוקערדיג! ניין? יא, אבער ווי קומט די קאץ איבערן וואסער? דו דארפסט ווייטער הערן א שיעור אדער ליינען א בריוו און זען אז צו אלעם קען מען צוקומען מיט'ן מויל און מיט'ן צונג: "רבונו של עולם, העלף מיך! וואס זאל איך טון? איך בין אזא גוטער מענטש, אבער איך בין צובראכן, און דאס מאכט אז איך זאל קוקן שלעכט אויף מיר און אויף יעדעם. ראטעווע מיך, אייבערשטער, אז איך זאל האבן דעם שיינעם און זיסן וועג פון לעבן, צו זען נאר גוטס אויף אלעס - אויף יעדעם, אויף דומם, צומח, חי און מדבר, און זיכער אויף מענטשן וואס האבן געפילן."

נאכדעם וואס איך האב דאס אפגעשריבן, האט מיר עימיצער געזאגט אז דער ארטיקל האט א שייכות מיט'ן קאמפיין, אבער לעניית דעתי האט עס בכלל נישט קיין שייכות. הכרת הטוב איז עפעס וואס דו טוסט פאר יענעם, אבער נעמען א פעידזש און גיין נאך געלט האט צו טון מיט דיר אליין; דו בויסט בנינים פאר זיך, פאר דיין "קאנפארט זאון", כדי דו זאלסט האבן א חבר פאר דיינע קינדער און א שול פאר דיר. עס איז נישט קיין הכרת הטוב פאר'ן ראש ישיבה, בכלל נישט, עס איז בלויז פאר דיר.

אה, יא, האט עס דאך יא א שטיקל שייכות, ווייל הכרת הטוב האט דאך אויך נישט מיט יענעם - עס איז דאך אויך פאר דיר, און קאמפיינען פאר דיינע מוסדות איז צוויי מאל פאר דיר. דא קומט שוין אריין דער ניגון "פאר דיר, פאר דיר"... יא, צוויי מאל נאר פאר דיר.

ALPHA

POWERED BY:
אנשי חיל



דער ראש ישיבה
שליט"א אין א שטארקע
רוף צו אנשי שלומינו
בעהט אז איש בעל יעדר
- קיינער טאר נישט פעלן
יעדער איז זיך משתתף
ביים יערליכן קאמפיין!

# "מיר בויען די קהילה צוזאמען"

מיין ציל איז
צו דערגרייכן
מיין ציל

## לעבנסגעשיכטע

כ"א-כ"ג אב

די דאטום ווען דיין
'לעבנסגעשיכטע'
וועט אנהייבן
אינספערירן.

# א ווארט צווייי

שיקט אריין אייער ווארט צווי צו:
avorttzvei@bletelmagazine.com

בילד פון די וואך

## נאר ווער ס'האט געפאסט

בילד געטראפן געווארן אויפן ברסלב צענטער זייטל צווישן אנדערע בילדער פון מעריב און אויספאסטן אין ביהמ"ד היכל הקודש אלעד פארלאפענעם מוצאי תשעה באב. פארהאן א בעסערע וועג אויסצופאסטן ווי א אויף די הייליגע ספרים פון מוהרא"ש זי"ע?



גוטזאגער

## "דער רבי לערנט אונז אז מ'קען זיין א טשילער, אבער מיטן אייבערשטן. אויך לערנט אונז דער רבי אז מ'קען זיין א כניאק, אבער ... מיטן אייבערשטן..."

- ראש ישיבה שליט"א אצל דרשת מלוה מלכה דעם מוצאי שבת נחמו

פריערדיגע

## "הריני נותן צדקה לעניים וליתומים ולאלמנות, איך בעט דיר אייבערשטער, העלף מיר אז איך זאל מיין גאנצע לעבן געבן צדקה פאר ארימעלייט, און אין דעם זכות זאל איך ניצול ווערן פון אלע צרות און פון אלע מחלות און איך זאל קיינמאל נישט דארפן צוקומען צו א צווייטן."

- א תפלה פונעם מלמד פון מוהרא"ש, ר' יעקב קלמנוביץ ז"ל, הנקרא בלשון חיבה ר' יעקב מלמד, וואס מען פלעגט זינגען מיט א ספעציעלער ניגון בשעת ער איז ארומגעגאנגען מיט די פושקע צווישן די קינדער אין כתה

זאצן וואס
פארדינען
שטערכלער

• בערל שניצלער

## האט מען יא געהאלטן פון שותפות אין היכל הקודש?

הייטה האב איך אן עפויגמענט מיט צוויי שותפים, זיי האבן אינוועסטירט גאר אסאך אין א מולטי מיליאן דאלארדיגן ביזנעס מיט גרויס פאטענציאל, און זיי האבן זיך עפעס צוממפערט לעצטנס, און איך וויל אזוי שטארק זיי זאלן יא מצליח זיין איינאייגעם.

א פארפאלק. מ'דארף שלום בית מאכן צווישן זיי.

'מע' טראכסטו...

דו קענסט די אפטייטש פון 'רווחים'? די ווייסט וויפיל נשמות עס גייען נאך ארויסקומען פון די שותפים אויב די שוטפות וועט ווידעראמאל קליקן? מ'רעדט פון דורי דורי דורות!...

די לאנגע ענטפער ווי געראכטן, פון אחי הגדול, מגיד שיעור **הרב ישראל יוסף שניצלער,** נאך וואס איך האב אים געבעטן א קורץ און שארפס וואס ער האט געהערט פון דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס מיט די בחורי ישיבה

## די כח פון א הויכע דאך

אייגע פון די מעשיות וואס איך קען נישט פארגעסן, ווען א אמת'ער חשוב'ער איד איז ארויפגעקומען אין בנין הישיבה אויף סקילמאן ביי א ברית אין די משפחה, און זיך ארומקוקנדיג רופט ער זיך אן צו מיר: "אויף דיר קען מען שוין נישט קריגן, דו האסט א געהעריגע הויכע דאך..." ער האט זיך געריסט ביים אריינגיין אין א ברסלב'ער שטיבל ווי עס וועט זיך אים אנטפלעקן א נאכגעלאזט בעיסמענט ווי עס וואלגערן זיך טליתים און שופרות... און פארדעם איז אויף דעם גרויסן בית המדרש האשקי א געוואלדיגע הפצה.

האברבן דודי לאקס, בעל היכל דוד האט מיר שוין געזאגט יארן צוריק: "דער ראש ישיבה אינוועסטירט געלטער אין נאך און נאך קונטרסים און ספרים, אבער ער קוקט נישט אויף דיר ווילאנג ער קוקט דיך אן ווי א צעקוועטשטער אונטער די ערד, מ'דארף בויען א קנאק פון א בית המדרש וואס וועט דינען אלס מניים צענטער אין די קעטסקילס, און איינמאל דער מענטש קומט אריין און זעט מיט די אויגן וואס די פלאץ טראגט, וועט ער שוין אליין גיין אויפזוכן די ברסלב'ע ספרים"...

**דער ראש ישיבה שליט"א** ביים דף שיעור פארגאנגע וואך, ארומרעדנדיג אז צומאל ווען די קאפ פון דער וועם דו ווילסט מקרב זיין צום רבי'ן איז סטאנציאנירט אין קאלאטשן אזש ער איז ניטאמאל אינטערעסירט צו עפענען א ברסלב ספר'ל אויב דו טראגסט א שלייער פון אומבאלבאטישקייט, אבער ווען מ'מאכט אים אריינבאמפן קען זיך עס גרעניצן מיטן זילבערנעם לייכטער וואס ר' נתן האט זיך אויסגעדרוקט ווי ר' נתן האט אים מקרב געווען

*דער ראש ישיבה שליט"א זאגט:*

## איי לאוו יו האשעם

פאר די וועלט שמעקט נישט אזוי די אויסדרוק "איי לאוו יו האשעם", וויל ס'איז בלויז ליבשאפט צום אייבערשטן אן א דגוש אויף מקיים זיין תורה ומצוות, און וואס איז מיט מקיים זיין תורה און מצוות און ליבשאפט צום אייבערשטן? אזוי ווי מיר זאגן ביי לשם יחוד, אז מיר גייען יעצט מקיים זיין א מצוה מיט פארכט און ליבשאפט צום אייבערשטן...

- דף שיעור ערב תשעה באב בגן עדן התחתון

# א ברסלב'ע שטעטל - א חלום

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶּׁר כֹּחַ.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הַאלְטְן שׁוֹין דָא; וֶוער וָואלְט זִיךְ גֶעקֶענְט פָארְשְׁטֶעלְן אַז מִיר זָאלְן הַאלְטְן שְׁנַת ה'תשע"ט בַּיים בּוֹיעֶן אַ קִרְיָה עַל שֵׁם רַבֵּינוּ - "קִרְיַת בְּרֶסְלֶב".

פַאר צֶען יָאר צוּרִיק - שְׁנַת ה'תשע"ט - הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה, אַלֶע הָאבְּן גֶעקָאכְט אוּן גֶעזִידְט אַז מֶען זָאל פַארְמַאכְן דִי יְשִׁיבָה, לְמַעֲשֶׂה **רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ אוֹמֶרֶת: "כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרֹץ"**; ה'תש"ע - אַ יָאר נָאכְן עֶפֶענֶען דִי יְשִׁיבָה הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט דִי עֶרְשְׁטֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ חֵדֶר בְּאַרְצוֹת הַבְּרִית, נָאכְדֶעם - בִּשְׁנַת ה'תשע"ב הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט אוּנְזֶער סְקוּל "בֵּית פֵּיגָא", אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט דֶעם "בֵּית הַדְּפוּס" יֶענֶעם יָאר. פַארְיָאר - שְׁנַת ה'תשע"ח הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט דֶעם כּוֹלֵל אוּן יֶעצְט הַאלְטְן מִיר בַּיי אַ קִרְיָה.

בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ בּוֹיעֶן אוּן עֶנְדִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הַגָּדוֹל בִּין אִיךְ זִיךְ מִתְנַדֵּב אַז מֶען זָאל מַאכְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן כּוֹלֵל בַּיי מִיר אִין בֶּעיסְמֶענְט.

גְלַייךְ נָאכְן זוּמֶער וֶועל אִיךְ אִם יִרְצֶה ה' קוּמֶען צוּ עֶנְק אִין שְׁטֶעטְל אוֹיף שַׁבָּת.

* * *



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הַאלְטְן דָא, מִיר הָאבְּן אִין אַ קוּרְצֶע צַייט גֶעבּוֹיט אַ שֵׁיינֶע שְׁטֶעטְל אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען; אַ שְׁטֶעטְל וואוּ מִיר לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, מִיר צִיעֶן אוֹיף אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער

**עצתו אמונה ואתחנן תשע"ט - תש"פ**

מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּ'ן. יֶעצְט זוּמֶער וֶוען אִיךְ בִּין אִין שְׁטֶעטְל זֶע אִיךְ אַבִּיסְל מֶער פוּן דֶער נָאנְט וָואס טוּט זִיךְ דָא, וִוי שֵׁיין מֶען לֶעבְּט, יֶעדֶער אֵיינֶער לֶעבְּט פַאר זִיךְ מִיט דִי מִשְׁפָּחָה - מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעצְט אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער וֶוען נָאךְ מִשְׁפָּחוֹת הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט צוּ אַ שֵׁיינֶער חָלוֹם, זֵיי זֶעעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל פַאר אַ פַאקְט, וִוילְן זֵיי יֶעצְט קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל. אָבֶער מִיר הָאבְּן אַ פְּרָאבְּלֶעם, מֶען קֶען יֶעצְט נִישְׁט קוֹיפְן, וַוייל דִי גוֹי'שֶׁע שְׁכֵנִים וִוילְן מַאכְן גֶעלְט אוֹיף אוּנְז, זֵיי וִוילְן פַארְקוֹיפְן דִי הַייזֶער פַאר מֶער וִוי דִי פְּרַייז אִיז בֶּאֱמֶת אוּן דָאס וִוילְן מִיר נִישְׁט עֶס זָאל גֶעשֶׁען, **מִיר וִוילְן קֶענֶען לֶעבְּן רוּאִיג, נִישְׁט דַארְפְן וֶוערְן צֶעדְרוּקְט פוּן דִי שְׁוֶוערֶע עוֹל צוּ צָאלְן הוֹיכֶע רֶענְט אוּן מָארְטְגִידְזְשׁ.**

אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אַפָּאר גֶעטְרֵייעֶ תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאבּ מוֹדִיעַ גֶעוֶוען שׁוֹין לַאנְגֶע חֲדָשִׁים צוּרִיק פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז וֶוער עֶס אִיז אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ קוֹיפְן אַ דִירָה, אַ נֵייעֶ דִירָה אָדֶער אַן אַלְטֶע דִירָה - דַארְף זִיךְ מֶעלְדְן צוּ דִי אִינְגֶעלַייט וָואס מֶען הָאט גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דֶעם, מֶען קֶען נִישְׁט אַלֵיינְס גֵיין קְלַאפְּן אוֹיף טִירְן צוּ קוֹיפְן הַייזֶער. אִיךְ הָאבּ קְלָאר גֶעשְׁרִיבְּן אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט אַרַיין נֶעמֶען קַיין מִשְׁפָּחוֹת אִין דִי קְהִילָּה אִין שְׁטֶעטְל אוֹיבּ מֶען וֶועט אַלֵיינְס קוֹיפְן.

אִין אָנְהֵייבּ אִיז גֶעקוּמֶען אֵיינֶער אַ לֵץ, עֶר הָאט חוֹזֶק גֶעמַאכְט שְׁטִילֶערְהֵייט אוּנְטֶער מַיין רוּקְן פוּן שְׁטֶעטְל; יֶעדְן שַׁבָּת נָאכְן דַאוֶונֶען הָאט עֶר צַאמְגֶענוּמֶען שְׁוַואכֶע הֶערְצֶער, תְּמִימוּת'דִיגֶע אִינְגֶעלַייט אוּן זֵיי אוֹיפְגֶעהֶעצְט מִיט כָּל מִינֵי לֵיצָנוּת אוֹיפְ'ן שְׁטֶעטְל, בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ שְׁטִיקְל רִיס צְוִוישְׁן אַפָּאר מִשְׁפָּחוֹת; לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר אַלֵיינְס גֶעקוּמֶען קוֹיפְן אַ הוֹיז דָא אִין שְׁטֶעטְל, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט.

אִיז נִישְׁטָא שֶׁענֶערֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דָא אִין שְׁטֶעטְל? אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס מֶען וִויל פוּן מִיר הָאבְּן, וָואס אִיז אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ קוּמֶען דָא וואוֹינֶען? אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דֶער וָואס קוּמְט דָא וואוֹינֶען וֶוען עֶר וִויל אָנְנֶעמֶען, עֶר וִויל פָּאלְגְן, עֶר וִויל דִי וֶועג וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעלֶערְנְט, דֶעמָאלְט הָאט אַ פְּשַׁט דָאס אַהֶער קוּמֶען, דֶעמָאלְט הָאט דִי פְּלַאץ אַ טַעַם, אָבֶער אַז מֶען קוּמְט לְכַתְּחִילָּה אוּנְטֶער גְּרָאבְּן, פַארְוָואס קוּמְט מֶען דָא?

אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אַפָּאר אִינְגֶעלַייט וָואס זָאלְן מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי פְּלַאץ, זֵיי זֶענֶען אַרַיין גֶעשְׁפְּרִינְגֶען אוּן גֶעקוֹיפְט רִיזִיגֶע שְׁטָחִים אִין וֶוערְד פוּן הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער - וֶוען דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ חָלוֹם, אַלֶע הָאבְּן חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן דֶעם, אַלֶע הָאבְּן גֶעשְׁפֶּעט דֶערְפוּן, נָאר זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן מַיין וִוילְן אוּן גֶעוֶוען גְרֵייט צוּ בְּלַייבְּן שְׁטֶעקְן מִיט לַאנְד פוּן הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער אוֹיף אַ סָפֵק סְפֵיקָא אוֹיבּ וֶועט וֶוערְן אַ שְׁטֶעטְל. זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט צוּ הֶעלְפְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וֶוער עֶס וִויל קוּמֶען קוֹיפְן אַ אַלְטֶע הוֹיז אָדֶער אַ נֵייעֶ הוֹיז; פַארְוָואס זָאל אִיךְ הֶערְן אַז אִינְגֶעלַייט גֵייעֶן שְׁטִילֶערְהֵייט קוֹיפְן אוּנְטֶערְן רוּקְן וֶוען אִיךְ בֶּעט זִיךְ מֶען זָאל דָאס נִישְׁט טוּן?! פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט גֵיין וואוֹינֶען אִין אַנְדֶערֶע שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע חֲסִידִישֶׁע גֶעגֶענְטֶער? וָואס אִיז אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ קוּמֶען דָא? **פַארְוָואס זָאל מֶען דָא קוּמֶען אוֹיבּ מֶען הַאלְט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט בֶּעסֶער?** אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט בֶּעסֶער אִיז דָאךְ גוּט, דַארְף מֶען דָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה!

וָואס וִויל מֶען פוּן מִיר? פַארְוָואס קוּמְט מֶען צוּ מִיר אַז מֶען בְּרֶעכְט מִיר אוּנְטֶער? וָואס הָאט מֶען פוּן זָאגְן לִיגְנְט אִין פָּנִים אַרַיין: 'מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה לָאזְט נִישְׁט קוֹיפְן אָן דִי הַנְהָלָה', אִינְטֶערֶעסַאנְט, דוּ קוּמְסְט וואוֹינֶען אִין אַ קְלֵיינֶע שְׁטֶעטְל, פַארְוָואס? וֶועגְן דִי וִוילְסְט זַיין בַּיי דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה; לָאמִיר זָאגְן דוּ וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דִי תַּקָּנָה, וָואלְט דִי שֵׂכֶל גֶעזָאגְט זָאלְסְט גֵיין פְרֶעגְן דֶער וָואס אִיז גַּבְּאַי אִין דִי פְּלַאץ אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט קוּמֶען, פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט פְרֶעגְן פַאר מֶען קוֹיפְט: זָאל אִיךְ יָא קוֹיפְן? זָאל אִיךְ נִישְׁט קוֹיפְן?

בֶּעט אִיךְ נָאכְאַמָאל: טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים, אַז אִיר וִוילְט דָא קוּמֶען וואוֹינֶען זָאלְט אִיר מִיר נִישְׁט אוּנְטֶערְגְרָאבְּן, אִיר זָאלְט מִיר הֶעלְפְן; אַז אִיר הַאלְט מֶען בַּא'עַוָולְ'ט מֶענְטְשְׁן, אַז אִיר הַאלְט אַז דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה טְרֶעטְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן - זָאלְט אִיר זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיט דִי אִינְגֶעלַייט, צְוִוישְׁן אַלֶע זֶעקְס מֶעמְבֶּערְס אִין דִי הַנְהָלָה דַארְפְסְטוּ קֶענֶען טְרֶעפְן אַן אוֹיעֶר וָואס זָאל דִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן זֶען אוֹיבּ מֶען בַּא'עַוָולְ'ט דִיר.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן לֶעבְּן בְּאַחְדוּת, מִיר זָאלְן לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, וֶועלְן מִיר קֶענֶען לִיכְטִיג מַאכְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.**

# ולערב ערובו

ב"ה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א

לכבוד ... נרו יאיר, קרית ברסלב ליבערטי.

איך וויל בעטן אלע אנשי שלומינו וואס האבן נאך נישט גענומען א חלק אין די צדקה פאר'ן עירוב וואס מיר בויען יעצט אין קרית ברסלב ליבערטי - צו נעמען א חלק אין דעם, עס איז א גרויסע זכות צו האבן אין א חלק אין די מצוה.

העלפן בויען אן עירוב איז מסוגל פאר קינדער, אזוי ווי עס איז ידוע די מעשה, עס איז געקומען א איד צום הייליגן ייטב לב זכותו יגן עלינו און געבעטן א ברכה פאר זרע של קיימא נאכדעם וואס ער האט לאנגע יארן נישט געהאט קיין קינדער, האט אים דער ייטב לב געזאגט אז ער זאל מאכן דעם עירוב אין שטאט, דער איד האט מתקן געווען דעם עירוב און ער האט זוכה געווען צו זרע של קיימא.

המשך זייט ב'

## דאס לעבן אן קיין עירוב

פאר רוב אידישע משפחות איז אן עירוב אזא זאך וואס מען טראכט כמעט נישט דערפון. עס איז דא, מען פארלאזט זיך דערויף, און דאס לעבן גייט אן. אבער פאר אידן וואס וואוינען אין א געגנט אן עירוב, אדער אין א פלאץ וואו מען ארבעט יעצט אויפצושטעלן איינעם, צום ביישפיל אינעם נייע געגנט אין שטעטל, איז דער מצב גאר אנדערש.

צו הערן פון נאנט ווי אזוי דאס קוקט אויס, האבן מיר גערעדט מיט עטליכע איינוואוינער וועלכע וואוינען אינעם געגנט וואס האט נישט קיין עירוב שוין יארן לאנג אן עירוב.

"ס'איז זייער שווער." זאגט אונז ר' יצחק פעלדמאן הי"ו "מענטשן וואס האבן קיינמאל נישט געוואוינט אין א פלאץ אן א עירוב קענען שווער פארשטיין וואס דאס מיינט. שבת ווערט די גאנצע משפחה איינגעשפארט אין שטוב. אויב מען האט א קליין קינד אין א קערידזש, קען מען נישט גיין אין ערגעץ." ווילסט ארויסגיין שפאצירן מיט די קינדער? נאכאמאל, ס'איז נישט אזוי פשוט."

"א סאך מאל קומען ארויס אומאנגענעמע מצבים. ווען אידן וואס זענען נישט צוגעוואוינט צו לעבן אן א עירוב גייען אין גאס און פארגעסן אז זיי האבן אין טאש א טישו. חוץ פון דעם וואס עס זענען דא אסאך מאל געסט וואס קענען זיך נישט אויס, און זיי

המשך זייט ב'

# דאס לעבן אן קיין עירוב

מיינען אז אויב דאס איז א אידישע געגנט איז זיכער דא אן עירוב. עס קומט ליידער ארויס גרויסע מכשולות ווען עס איז נישטא קיין עירוב."

"אין די גאנצע וועלט איז דא אן אומגעשריבענע געזעצע אז אויב מען האט איבעריגע עסן אינדערהיים שבת, ברענגט מען עס צו שלש סעודות. דא איז נישטא אזא מציאות. וואס מען גרייט אן בעפאר שבת דאס האט מען. מאכט זיך אמאל אז עס זענען דא געסט, אדער איז יעדער אינדערהיים און עס איז דא א גרויסער עולם, קען מען נישט צוברענגען נאך עסן פארן עולם."

ר' אלי פערל הי"ו לייגט צו: "עס איז זייער שווער פאר א משפחה מיט קינדער זיך צו באגיין אן אן עירוב. אויב מיר גייען אמאל צו מיין שווער זז"ג, קען א וועג וואס דארף נעמען 10 מינוט נעמען א האלבע שעה... אויב די קינדער האלטן נישט ביים גיין איז נישטא וואס צו טון."

"לעצטנס האבן זיך עטליכע משפחות וואס האבן פשוט נישט געוואלט זיין איינגעשפארט גאנץ שבת, זיך מסדר געווען מיט א גוי'טע וואס זאל שטופן די קערידזש. דאס איז פשוט אז מען זאל קענען אטעמען אביסל."

"אסאך משפחות האבן זיך געלאזט קאסטן א שיינע מטביע, צו בויען אן עירוב ארום זייער פראפערטי. אז די משפחה זאל קענען ארויסגיין כאפן לופט, אפילו בלויז אין פארנט פון זייער הויז. אבער דאס איז נישט מעגליך פאר יעדן."

פון זייערע ווערטער קען מען אביסל פארשטיין די וויכטיגקייט פון אן עירוב פאר א אידישע געגנט. אסאך משפחות וואס האבן הייזער אין די נייע געגנט האלטן זיך אפ פון מופן בלויז צוליב דעם וואס עס איז נישטא קיין עירוב. דערפאר איז אויפבויען אן עירוב נישט בלויז א פראיעקט וואס איז וויכטיג פאר איצט, נאר א לאנגיעריגע אינוועסטמענט פאר די צוקונפט פון די שטעטל בכלל און די נייע געגנט בפרט.

ברי"ו

## פון דער ראש ישיבה שליט"א

וואס וועלן מיר מיט נעמען אויבן אויף יענע וועלט? וואס וועט בלייבן פון אלע פלאג וואס מיר פלאגן זיך? וואס וועט בלייבן פון אלע הארעוואניע? - נאר דאס ביסל צדקה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים."

ליינט און באקומט א טיפערע ארייבבליק אינעם קאמפיין.



דער ראש ישיבה שליט"א ביים מאכן
דעם זיכוי הפת פאר די עירוב 6 יאר צוריק

POWERED BY:
אנשי חיל

# פון 6:00 ביז 12:00
# בין איך נישט אוועלעבל

## ליל שישי פרשת ראה | באולם קארטרייט



**פערזענליכע אייזאדענונג**

צום מסיבת 'אנשי חיל' ווי אנשי שלומינו ווען זיך צוזאמען קומען און העלפן אינאיינעם שאפן צדקה פון באקאנטע אז אונזער קהילה זאל קענען ווייטער זיך בויען און בליען.

555 Resorts World Dr, Monticello, NY 12701

צען מינוט פון שטעטל

**די וועכענטליכע ליל שישי שיעור וועט פארקומען אום 7:30 פונטקלעך.**

א גאר רייכע פראגראם מיט גורלות וועט זיין צוגעשטעלט דורך די נאכט.

א רייכע מאלצייט וועט סערווירט ווערן.

עס וועט זיין צוגעשטעלט אויפן פלאץ קאמפיוטערס.

**למענינו לעתידתינו** | פאר מיך און פאר מ




# מיט די כח הרבים וועלן מיר בעזהי"ת קענען גרינג אנקומען צום ציל

כ"א-כ"ג אב

די דאטום ווען דיין
'לעבנסגעשיכטע'
וועט אנהייבן
אינספּערירן.

# לעבנסגעשיכטע

יין עתיד!

# א שמועס מיט'ן מנהל העירוב

יעצט, ווען מיר גרייטן זיך צו בויען דעם עירוב אין דעם נייעם געגנט, האבן מיר זיך אוועקגעזעצט מיט'ן מנהל העירוב מו"ה מרדכי אהרן הײלפרין הי"ו, וועלכער שטייט איבער דעם עירוב אין שטעטל און פירט אצינד אויך אן מיט'ן בויען דעם נייעם עירוב אין די ווילעדזש.

**רוב מענטשן ווייסן נישט וואספארא ארבעט עס ליגט אונטער אן עירוב. דערציילט אונז אביסל וועגן אייער ארבעט מיט'ן ערשטן עירוב אין קרית ברסלב.**

ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט געבעטן די איינוואוינער פון שטעטל אנצוהייבן ארבעטן אויפ'ן ערשטן עירוב, איז גארנישט געווען. מען האט אנגעהויבן ממש פון נול. קודם האט מען געדארפט שטודירן דעם גאנצן געגנט, דורכפארן יעדע גאס, נאכקוקן די אלע פארצווייגטע פראפערטי געזעצן, און דערנאך אויסארבעטן א פראקטישן פלאן וויאזוי דאס צו בויען. מיר האבן דעמאלטס אויך אריינגעברענגט דעם בארימטן דיין ומו"ץ הגאון ר' יחיאל שטיינמעץ שליט"א, ער זאל העלפן בויען דעם עירוב און געבן דעם הכשר.

דאס איז אויסער דעם וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט דאן איניציאירט אז די מלמדים זאלן לערנען הלכות עירובין און גיין בודק זיין דעם עירוב יעדע איינציגסטע וואך. עס קומט זיי אסאך קרעדיט פאר'ן גיין יעדע וואך בודק זיין דעם עירוב – קיין חילוק צי עס איז קאלט אדער הייס, רעגן אדער שניי – כדי מען זאל קענען טראגן דא אין שטעטל אן קיין שום פראבלעמען.

**זייער אינטערעסאנט. לאמיר גיין צום נושא פון אונזער קאמפיין. ווען מען האט דעמאלטס אנגעהויבן, האט מען זיך געקענט פארשטעלן אז מען וועט אמאל דארפן בויען א צווייטן עירוב?**

ניין. מיר האבן דעמאלטס נישט געטראכט אז מען וועט דארפן בויען נאך אן עירוב.



אלע איינוואוינער אינעם שטעטל זענען כסדר מתפלל אז דאס שטעטל זאל וואקסן און בליען, לשם ולתפארת. אבער דער אמת איז, אז קיינער האט נישט געקענט טראכטן אז דער וואוקס וועט קומען אזוי שנעל. בפרט נאכדעם וואס מיט עטליכע יאר צוריק זענען די קאסטן פון בויען נייע הייזער שטארק ארויפגעגאנגען, האט דער ראש ישיבה שליט"א אויפגעברענגט דעם געדאנק אפצוקויפן הייזער אינעם ווילעדזש און אנטוויקלען דארט א נייע געגנט פאר אנשי שלומינו, וואס דאס האט זיכער קיינער נישט געקלערט בעפאר.

**וועט עס זיין גרינגער צו בויען יעצט, נאכדעם וואס מען האט שוין ערפארונג?**

פון איין זייט יא, אבער פון די אנדערע זייט איז דאס אינגאנצן אן אנדערע פרשה ווי דער איצטיגער עירוב.

דא רעדט מען פון אן עירוב אין א שטאט, נישט אין א וואלדיגער געגנט. דאס הייסט אז טעכניש איז עס נישט אזוי שווער, ווייל על פי רוב קען מען זיך באניצן מיט די עלעקטריק שטאנגען וואס שטייען שוין ממש גרייט באנוצט צו ווערן. אין די זעלבע צייט איז דאס טאקע שווערער וויבאלד עס איז אין א געגנט וואו עס געפינען זיך אסאך מענטשן, דארף מען זיכער מאכן אז אלעס ווערט געמאכט אויף א העכערן סטאנדארט אין קוואליטעט, אז עס זאל נישט זיין קיין פראבלעמען מיט די לאקאלע איינוואוינער.

**איך פארשטיי פון אייערע ווערטער אז מען האלט שוין העפטיג אינמיטן די פלענער.**

יא. ווי נאר מען האט געזען ווי שנעל די נייע געגנט אנטוויקלט זיך, איז געווארן אלס קלארער אז מען דארף זיך ארייַנלייגן דערין. מיר האבן נישט

# א שמועס מיט'ן מנהל העירוב



געוואלט ווארטן צו לאנג מיט'ן אנהייבן דעם פראיעקט, וויסנדיג אז אויב ס'איז נישטא קיין עירוב, איז עס א שטער פאר די געגנט צו קענען וואקסן.

צום ערשט זענען מיר געזעסן איבער די מאפעס פונעם ווילעדזש, צו זען וויאזוי עס וועט זיין דאס בעסטע צו בויען און דעקן דעם גרעסטן שטח. עס זענען אריינגעגאנגען חדשים פון ארבעט בלויז אין די פלאנירונג פאזע. ברוך השם, די פלענער זענען שוין פארטיג, און מיר ווייסן שוין פונקטליך וואו דער עירוב גייט לויפן. מען האט שוין אויך אויסגעארבעט אלע הלכה'דיגע שאלות וואס זענען אונטערגעקומען.

אין אלע פלעצער וואס האבן געדארפט שווערע ארבעט איז שוין אלעס מסודר. עטליכע געטרייע אינגעלייט האבן שוין געארבעט אין די לעצטע וואכן אויף די פלעצער נעבן דעם '17' וואו מען האט געדארפט בויען צוימען און לייגן שטריק אדער פלייוואד. אצינד האט מען שוין באקומען רשות פון 'נייסעג' צו קענען נוצן זייערע שטאנגען אינעם ווילעדזש אליין. מען ווארט בלויז אויפ'ן לעצטן שטאפל צו באקומען די פערמיטן פונעם ווילעדזש, כדי פאקטיש צו קענען ארויפלייגן די לחי'ס אויף די עלעקטריק שטאנגען.

**ווען קען מען ערווארטן צו ענדיגן דעם פראיעקט?**

עס איז דא אן אפהאלט צוליב געלט. יעדער פארשטייט אז יעדע ריר אין קאנסטרוקציע קאסט ריזיגע סכומים. ברוך השם, עטליכע געטרייע אינגעלייט האבן זיך שוין מתנדב געווען צו ארבעטן בחינם.

דערפאר האבן מיר יעצט געלאזט אין גאנג דעם עירוב קאמפיין מיט'ן נאמען "ולערב עירובו", אויפצוטרייבן די נויטיגע פאנדן צו ענדיגן די ארבעט, כדי צו קענען דערפרייען אלע איצטיגע איינוואוינער פון די נייע געגנט און אלע וואס וועלן נאכקומען. ווי נאר עס וועלן אריינקומען די נויטיגע פאנדן, וועט מען אי"ה ענדיגן דעם פראיעקט ווי אמשנעלסטן.

**וואס וואלט איר געוואלט זאגן פאר אנשי שלומינו וועלכע טראכטן צו נעמען א חלק אינעם פראיעקט?**

עס קומט נישט אונטער יעדן טאג א געלעגנהייט צו האבן אזא גרויסן זכות ווי בויען אן עירוב, אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט פילע מאל אין "עצתו אמונה" איבער די גרויסקייט דערפון.

עס שטייט אין די גמרא אין מסכת עירובין: בשעה שתיקן שלמה עירובין ונטילת ידים, יצתה בת קול ואמרה "בני, אם חכם לבך ישמח לבי גם אני". יעדער וואס נעמט היינט א חלק אינעם עירוב ווערט א שותף אין דעם זכות יעדן איינציגן שבת. נישט בלויז די משפחות וואס וואוינען דא היינט וועלן הנאה האבן דערפון, נאר אויך די פילע משפחות וואס וועלן אי"ה קומען אין די קומענדיגע יארן.

**יישר כח פאר אלע וואס זענען זיך משתתף, דער אייבערשטער זאל אייך בענטשן בזכות דעם מיט אלע גוטע ברכות.**

יישר כח ר' מרדכי אהרן פאר אייער צייט, און פאר אלעס וואס איר טוט פאר'ן שטעטל.

# בילדער


דער ראש ישיבה שליט"א מיט די געטרייע בודקים 6 יאר צוריק


ביים אוועקשטעלן די עירוב 6 יאר צוריק


ביים פארעכטן די עירוב


ביים פארעכטן די עירוב


ביים אויפשטעלן א צוים פאר די עירוב


ביים פארעכטן די עירוב



ביים צוזאמען נעמען נדבות פארן עירוב


ביים פארעכטן די עירוב

# זכותים

## זכות שם העירוב
**$50,000**

## זכות הלחי'ס
**$15,000**

## זכות שכונה
**$10,000**

## זכות גדר
**$3600**

## צורת הפסח
**$1800**

## זכות עירוב
**$1,800**

### מזל טוב

ברכת מזל טוב פאר ידידינו הנגיד מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו
**נדבן פון די עירוב טראק**
לרגל די שידוך שליסן פון זיין טאכטער הכלה תחי' עב"ג הבה"ח חיים שלמה קויפמאן הי"ו
דער אייבערשטער זאל העלפן ס'זאל זיין א קשר של קיימא און א בנין עדי עד און דו
זאלסט זעהן נחת ביי אלע דיינע קינדער געזונטערהייט.




# די נייע געגנט וואס קומט יעצט צו



די עקוויפמענט איז גרייט!

די בודקים זענען דא!

די פלענער זענען פיינאליזירט!

מען ווארט בלויז אויף אייך!

# פאר מיר
# פאר מיינע עלטערן
# פאר מיינע דורות

דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט

"יעצט ווען מען גייט פארברייטערן די עירוב אויף די נייע געגנט זאלסטו כאפן די זכות צו העלפן דאס מאכן, דאס איז א זכות לדורות, נישט יעדן טאג מאכט זיך אזעלכע זכותים, מאכן אן עירוב איז א זכות פאר ערליכע געזונטע קינדער און קינד'ס קינדער, די סגולה שטייט שוין פון פריערדיגע צדיקים."

"עס שטייט פון צדיקים אז מתקן זיין עירובין איז זייער מסוגל פאר קינדער און פאר רפואות."

"בזכות די גרויסע מצוה פון מתקן זיין עירובין זאלסטו זוכה זיין צו ישועות און רפואות"

"העלפן בויען אן עירוב איז מסוגל פאר גרויסע ישועות, ובפרט געהאלפן צו ווערן מיט זרע של קיימא, אפאר משפחות וואס האבן געגעבן צדקה פאר'ן עירוב האבן שוין געזען גרויסע ניסים וואס מען וועט קענען דערציילן אם ירצה ה' מיט א מזל טוב."

## נעמט היינט א זכות אינעם נייעם עירוב

רופט שוין
נח הערש ווייס \ 845.707.6374

| | | |
|---|---|---|
| פרנס השנה<br>זכות זכוי הפת<br>$10,000 | פרנס החודש<br>$1800 | פרנס השבת<br>$500 |

# פְּטָרָהלָאג



*א י ן*

***קורצן פון פריער:** ר' יעקב יוסף הערמאן שטעלט אויף זיין הייליגע שטוב אין די טמנ'א גאסן פון אמעריקע.*

*ער איז נישט מוותר אויף קיין מצוה.*

*מקפיד צו דאווענען מיט מנין יעדן טאג מיט מסירות נפש.*

**און יעצט ליינט ווייטער.**

איין טאג האט רבי יעקב יוסף באמערקט אז איינער פון זיינע תלמידים איז פאר'חלומ'ט ביים דאווענען. ווען יענער האט געזען אז רבי יעקב יוסף האט אים באמערקט, האט ער זיך אנגעהויבן צו שאקלען.

רבי יעקב יוסף האט אים שפעטער מוסר געזאגט מיט איידלקייט: "דו דאווענסט פאר מיר? איך קען דיר דאך נישט העלפן. ווען א מענטש דאווענט, רעדט ער צום בעל הבית פון די וועלט. עס איז א שאד אוועקצוווארפן אזא געלעגנהייט."

"בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו - אין די וועג וויאזוי א מענטש וויל גיין, אזוי פירט מען אים," זאגן אונז חז"ל.

איינמאל האט זיך געמאכט אז רבי יעקב יוסף האט געדארפט פארן אויף א לאנגע רייזע מיט א באן פאר פילע שעות.

אינמיטן וועג האט זיך די באן אפגעשטעלט אין סעינט לואיס, מיזורי. די באן האט געזאלט דארט אפשטיין פאר בערך א שעה מיט א האלב.

אזוי ווי עס איז געווען אין די פריע מארגן שעות, האט רבי יעקב יוסף געכאפט די געלעגנהייט און אפגעשטעלט א טעקסי. ער האט געבעטן דעם דרייווער אים צוצופירן צו אן ארטאדאקסישן שול. דער דרייווער האט געטון זיין ארבעט און אים געברענגט צו א בית המדרש.

רבי יעקב יוסף האט זיך אנגעטון טלית און תפילין און שנעל אריינגעשפאצירט אין בית המדרש. ער האט געטראכט אז אפילו אויב ער איז אן אונס און קען נישט דאווענען מיט א מנין, וועט ער כאטש דאווענען אין א בית המדרש (ווי דער ראש ישיבה איז אונז כסדר מעורר).

ווי פרייליך איז ער געווארן צו זען אז א מנין אידן גרייטן זיך פונקט יעצט צו שטעלן דאווענען שחרית.

די אידן זענען געווען שאקירט צו זען א איד מיט א הדרת פנים, אנגעטון אין טלית ותפילין, אריינשפאצירן אזוי פלוצלינג ווי פון הימל אראפ.

"איך קען אפשר צוגיין צום עמוד?" האט רבי יעקב יוסף געבעטן.

זיי האבן אים גערן געגעבן דאס ברעטל. רבי יעקב יוסף האט אנגעהויבן דאווענען לויט זיין שטייגער, א תפילה געקניפט מיט התבודדות; א תפילה וואו ער גיסט אויס דאס הארץ צום טאטן אין הימל. זיין דאווענען האט מעורר געווען אלע וואס האבן אים געהערט.

ווי דער הייליגער רבי זאגט, אז ווען מען הערט דעם שיינעם קול פון א ערליכער איד, האט דאס א כח צוריקצוברענגען אידישע קינדער צו תשובה.



28 ת. מאנן

ווי
נאר רבי יעקב יוסף האט געענדיגט, האט ער אויסגעטון דעם טלית און די תפילין און זיך צוריקגעיאגט צום באן.

א שטיק צייט שפעטער איז רבי ברוך בער פון קאמעניץ אנגעקומען צו יענעם געגנט, מיט זיין איידעם ר' ראובן, גייענדיג נאך געלט פאר זיין ישיבה.

די ארטיגע אידן האבן אים דערציילט איבער די אינטערעסאנטע געשעעניש, וויאזוי איין אינדערפרי האט אריינשפאצירט א מענטש אנגעטון אין טלית ותפילין און געבעטן צו דאווענען פארן עמוד. ער האט אראפגעלייגט א דאווענען וואס האט זיי אלע ערוועקט צו תשובה און מעשים טובים, און דאן, נאך פאר וואס און ווען, איז ער פארשוואונדן געווארן!

די ארטיגע אידן האבן געזאגט אז ווארשיינליך איז יענער געווען אליהו הנביא...

ווען רבי ראובן, דער איידעם פון רבי ברוך בער, איז שפעטער איינגעשטאנען ביי די הערמאן משפחה, האט ער איין פארנאכטס דערציילט די מעשה פאר מרת הערמאן, צולייגנדיג: "איך האב אלעמאל געמיינט אז אין אמעריקא איז דא נאר איין רבי יעקב יוסף... ווי עס ווייזט אויס זענען דא נאך אזעלכע אידן..."

מרת הערמאן האט זיך צושמייכלט. איר מאן האט איר שוין געהאט דערציילט איבער דעם מנין וואס דער אייבערשטער האט אים צוגעשיקט אין דעם ווייטן סט. לואיס.

"ניין, ר' ראובן... אמעריקא האט נאר איין רבי יעקב יוסף... און יענער מאן איז טאקע געווען ער!"

רבי ראובן האט זיך צושמייכלט: "איך וואלט געמעגט אליינס טראכטן אז דאס איז געווען אייער מאן..."

דאן האט זיך רבי ברוך בער אנגערופן: "רבי יעקב יוסף איז דער חפץ חיים פון אמעריקא."

רבי יעקב יוסף איז זעלטן אוועקגעפארן פון שטוב.

עס האט זיך אבער געמאכט איינמאל וואס ער האט געדארפט רייזן צוליב ביזנעס קיין אייראפע.

רבי יעקב יוסף האט מיטגענומען מיט זיך פיר תלמידים וועמען ער האט געשיקט קיין מיר לערנען. אויך האט ער מיטגענומען א ספר תורה מיט זיך.

די ערשטע זאך האט ער ארגאניזירט א מנין יעדן אינדערפרי און צו מנחה מעריב.

ער איז ארומגעגאנגען יעדן טאג קלאפן און אויפוועקן די מתפללים... די אידן אויפ'ן שיף האבן אים געגעבן א צונאמען "מר. מנין."

אויך האט ער ערלעדיגט אז דער שווים-באסיין אויפ'ן שיף זאל ווערן א כשר'ע מקוה. אזוי אויך האט ער אונטערגעשמירט די קעכער און גע'כשר'ט דעם קאך.

רבי יעקב יוסף האט אליינס אפגעקאכט א געשמאקן טשאלנט פאר אלע אידישע רייזנדע לכבוד שבת.

ווען רבי יעקב יוסף איז געווען אין אייראפע, האט ער ווי פארשטענדליך אויסגענוצט די צייט צו באזוכן און מחזק זיין זיינע קינדער אין די מירער ישיבה און זיינע תלמידים.

ועל כולם האט ער אפגעשטאט א באזוך אין ראדין ביים הייליגן חפץ חיים.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

# קירוב רחוקים אויפן ריכטיגן וועג (חלק ב')

פארזעצונג פון פריער: **א פרייער איד וואס איז אנגעקומען צו מוהרא"ש ז"ע, ער איז געווארן בעל תשובה גמור.**

און יעצט לייענט ווייטער: דער איד איז צוריקגעקומען שבת, און עס איז געווען דאס ערשטע מאל אין זיין לעבן וואס ער האט געהיטן שבת! ער איז געזעסן און געהערט מיט דארשט אלע תורות און דיבורים וואס מוהרא"ש האט געזאגט, און צוביסלעך דורכאויס דעם גאנצן שבת איז אריין אין אים מער און מער א גייסט פון לעבן און א גייסט פון קדושה; נאך שבת האט ער אויסגעזען ווי אן אנדערע מענטש.

זונטאג איז ער געקומען און געלייגט תפילין, וואס דאס איז געווען דאס ערשטע מאל אין זיין לעבן וואס ער האט געלייגט תפילין.

יענע וואך איז דער איד געקומען יעדן טאג אין מתיבתא היכל הקודש לערנען און דאווענען, און אזוי אויך פורים, וואס איז געפאלן אין יענע טעג, האט ער מיטגעהאלטן; ער איז געווארן אן אנדערע מענטש!

עס איז אנגעקומען די קומענדיגע שבת און דער איד איז נישט דא.

מוהרא"ש האט זיך געוואונדערט "וואו איז דער איד? פארוואס איז ער נישט געקומען?" ער האט פרובירט נאכצוגיין צי איינער ווייסט עפעס.

ביז למעשה האט איינער דערציילט אז יענער איד איז געווארן נאנט צו א מענטש וואס האלט זיך פאר א חכם און איז א שטיקל מקורב צו אנשי שלומנו.

יענער "חכם" האט אבער גארנישט פארשטאנען אין קירוב רחוקים, און אפילו אין רבינ'ס ספרים האט ער אלץ פראבירט צו ווייזן מיט זיינע חכמות ווי טיף ער קען די תורות און ווי יענער קען גארנישט.

מוהרא"ש האט פארשטאנען אז דער אזויגערופענער חכם האט גערעדט מיט אים גרויסע השגות און דיבורים וואס האבן נישט געהאט קיין שייכות צו אים, און אנשטאט אים מקרב זיין צום אייבערשטן, האט ער אים נאר מרחק געווען און אינגאנצן צובראכן.

ביי שלש סעודות האט זיך מוהרא"ש צופייערט און געזאגט: "דאס וואס א געוויסע חכם האט גערעדט צו דעם פרייען איד איז א גרויסער פארברעך! ער איז פאראנטווארטליך פאר דעם וואס דער איד האט היינט מחלל שבת געווען. איך קען אייך פונקטליך זאגן וואו דער איד זיצט יעצט און רייכערט א ציגארעטל, רחמנא לצלן. און פון וואס קומט דאס? פון איינעם וואס האלט אז ער איז א פארשטייער! א מענטש דארף זיך אבער קענען; אויב דו האסט נישט די שפראך אויפצוטון ביי א צווייטן, פארמאך דיין מויל און מאך נישט קאליע!"

"איר זאלט וויסן," האט מוהרא"ש צוגעלייגט, "עס זענען דא גרויסע לייט און דערהויבענע צדיקים פון אנשי שלומנו וואס קענען זיך אליין; זיי ווייסן אז זיי זענען נישט געמאכט צו רעדן צו א צווייטן, דעריבער האלטן זיי זיך צוריק פון משפיע זיין אויף אנדערע. דאס אליין איז א גרויסע מדרגה, אז א מענטש ווייסט וואו ער שטייט, און אזוי קומט ער נישט צו מקלקל זיין."

*שיחות מוהרא"ש חלק ב' ערך קירוב רחוקים*



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסשטייגער

ק"ע

## פארזעצונג פון פריער:

**אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאבְּן אַלְץ גֶעהַאט צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲפִילוּ דִי פְּשׁוּטֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים וָואס הָאט זִיךְ גֶעדְרֵיידְט בַּיים רֶבִּי'ן, הָאבְּן גֶעהַאט אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן רֶבִּי'ן.**

נָאךְ שָׁבוּעוֹת הָאט זִיךְ פַארְעֶרְגֶערְט דִי קְרֶענְק אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן קִינְד שְׁלֹמֹה אֶפְרַיִם, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט פָארְן קֵיין מֶעזִיבִּיזְשׁ צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע.

אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב הָאט גֶעווּאוֹינְט אַ אִיד מִיטְ'ן נָאמֶען ר' חַיִּים שָׂרָה'ס, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן, אוּן כָאטְשׁ וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר, אִיז עֶר אָבֶּער אוֹיךְ גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה', אַזוֹי וִוי אַלֶע תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶוער עֶס אִיז נָאר מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן אִיז גֶעוָוארְן צוּם סוֹף אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק אוּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶער עוֹבֵד ה'.

דֶער ר' חַיִּים שָׂרָה'ס אִיז גֶעוֶוען אַ מְחוּתָּן מִיטְ'ן רָב פוּן בְּרֶסְלֶב, הרה"ק רֶבִּי אַהֲרֹן זי"ע, זַיין טָאכְטֶער מָרַת חַיָּה לֵאָה אִיז גֶעוֶוען דִי וַוייבּ פוּן רֶבִּי צְבִי אַרְיֵ' זַ"ל, אַ זוּן פוּנֶעם בְּרֶסְלֶב'עֶר רָב.

עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט זֵייעֶר שֵׁיין פוּן אִים, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אוֹיף אִים, "אִיךְ הָאבּ אֵיין חָסִיד אִין בְּרֶסְלֶב, דָאס אִיז ר' חַיִּים שָׂרָה'ס".

עֶר פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן צוּ פַאסְטְן צְוֵויי מָאל אַ יָאר מִשַּׁבָּת לַשַּׁבָּת, דָאס אִיז גֶעוֶוען יֶעדֶעס יָאר פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא אוּן פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא, עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן אוֹיפְ'ן בַּאפֶעל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט דָאס אַיינְגֶעהַאלְטְן יָאר יֶערְלִיךְ מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

אֵיין מָאל אִין דִי צַייט וֶוען ר' חַיִּים שָׂרָה'ס הָאט גֶעפַאסְט מִשַּׁבָּת לַשַּׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעדַארְפְט עֶפֶּעס פּוֹעֶלְ'ן אוּן עֶר הָאט זִיךְ בַּאנוּצְט מִיט דִי עֲבוֹדָה פוּן ר' חַיִּים שָׂרָה'ס דָאס צוּ פּוֹעֶלְ'ן. דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט, "נִישְׁט אוּמְזִיסְט אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע גֶעוֶוען וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען, וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידִים".

אִין יֶענֶע צַייט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֵיינְמָאל גֶעזֶעסְן אִין אַ נָאכְמִיטָאג מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעפְלַאמְט זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז אַלְץ גֶעוֶוען, אוּן צְוִוישְׁן דִי אָנְוֶועזְנְדֶע הָאט זִיךְ דַאן גֶעצֵיילְט אוֹיךְ דֶער ר' חַיִּים שָׂרָה'ס.

בַּיים שְׁמוּעֶס הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אִינְצְוִוישְׁן אָנְגֶערוּפְן, "אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָאךְ אַזוֹי נַארִישׁ, אֲפִילוּ וֶוען דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת גֵייט אִים שׁוֹין נָאךְ הוּנְטֶער דִי אַקְסְלֶען, אִיז עֶר נָאכְאַלְץ פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע שְׁטוּתִים אוּן נַארִישְׁקֵייטְן".

דֶער עוֹלָם הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער אוּן זֶענֶען דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס דֶער רֶבִּי מֵיינְט מְרַמֵּז צוּ זַיין דֶערְמִיט, אָבֶּער ר' חַיִּים שָׂרָה'ס הָאט זִיךְ גָאר שְׁטַארְק דֶערְשְׁרָאקְן דֶערְפוּן, זַיין הַארְץ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעמֵיינְט, אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן זִיצְן בַּיים טִישׁ מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶער פַּחַד, זַיינֶע פִיס הָאט גֶעצִיטֶערְט פַאר שְׁרֶעק אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן פוּן אָרְט.

אוֹיךְ נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם שְׁמוּעֶס אוּן יֶעדֶער אִיז זִיךְ שׁוֹין צֶעגַאנְגֶען, אִיז ר' חַיִּים שָׂרָה'ס גֶעבְּלִיבְּן זִיצְן בַּיים טִישׁ, אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס זִיצְטוּ נָאךְ?", עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל צוּ עֶנְטְפֶערְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, דֶערְשְׁרָאקְן, מִיט אַ טִיפֶע מָרָה שְׁחוֹרָה.

דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיין אִין זַיין צִימֶער, אוּן דַאן הָאט ר' חַיִּים שָׂרָה'ס זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אִיז נָאכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם רֶבִּי'ן אִין שְׁטוּבּ אַרַיין, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ בִּיטֶערֶע גֶעוֵויין, "רֶבִּי, אִיךְ וֵייס זִיכֶער אַז דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעמֵיינְט מִיט דִי וֶוערְטֶער, אוּן דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר זָאל מְעוֹרֵר רַחֲמִים זַיין אוֹיף מִיר, אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן לֶעבְּן!"

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "יָא, רִיכְטִיג, אִיךְ הָאבּ טַאקֶע דִיר גֶעמֵיינְט, אַזוֹי וִוי אִיךְ וִויל אָבֶּער יֶעצְט פָארְן צוּם צִיוּן פוּן מַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אִין מֶעזִיבִּיזְשׁ צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר מַיין זוּן שְׁלֹמֹה אֶפְרַיִם, זָאלְסְטוּ אוֹיךְ מִיטְקוּמֶען מִיט מִיר אַהִין, אוּן אִיךְ וֶועל מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיךְ פַאר דִיר".

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# געדאנקען

## די הערינג שאכטעלע דערציילט סיפורים

חיים לעבט אויף אלע באקן.

חיים לעבט א לעבן.

חיים לעבט די TOUCH לייף.

חיים לעבט די TAP לייף.

אלעס ווערט געטון מיט א קליינטשיגע TAP'עלע.

חיים קומט אין שול צופרי, מיט זיין INDEX פינגער געבט ער אויפ'ן טיר א קליינע TAP, א קליינע TOUCH, און VOILA! די טיר איז אפן! אוטאמאטיק! מיט איין TAP! מיט איין קליינע TOUCH!

ער קומט אריין אין קאווע שטובל, ער געבט א טעפ אויף די הויכע טורעם פון איבערגעדרייטע קאפ'ס און VOILA! א האט קאפ פון די הויכע האטקאפ טורעם קומט אראפ און שטעלט זיך פאר חיים'ען ווי א געטריי קנעכטל.

ער געבט א טעפ אויף די טעיסטעטר טשויס פלעשעלע און VOILA! די פלעשעלע געבט זיך א הייב אונטער און שאקלט אריין אין חיים'ס האטקאפ א TABLE-SPOON קאווע, לא פחות ולא יותר.

נאך א טעפ אויף די האטקאפ און עס שטעלט זיך אונטער די הייס וואסער, די הייס וואסער רינט אינעם האטקאפ, עס שטעלט זיך אפ גענוג פרי עס זאל בלייבן איין אינטש פלאץ פאר די מילך.

נאך א טעפ אויף די האטקאפ טורעם און עס קומט אראפ נאך א האטקאפ און עס פארט אריין דערין צוויי קאצקע צוקערלער.

האטקאפ א' (די ערשטע האטקאפ) גיסט אריין א פערטל פון די שווארצע קאווע אין האטקאפ ב' וואו עס ליגט די צוויי קאצקע צוקערלער, און דרייט און מישט אז די צוקער זאל צוגיין און ווערן צאמגעמישט מיט די קאווע.

א טעפ אויף די פלעשל מילך, און די פלעשל הויבט זיך אין די לופט און גיסט אריין איין אינטש מילך אין די שווארצע קאווע אריין, די קאווע שמעקט צושפרייט א צופרידענע רואיגע לופט אין די גאנצע ארום.

חיים גלייכט ווען עס קומט פאר א שמועס אין קאווע שטובל בשעת ער זיפט שטייטעלער פון די קאווע.

חיים געבט א TAP אויף די דעקל פון די טעיסטעטר טשויס קאווע און עס הייבט אן רעדן, ער געבט נאך א TAP אויף די מילך באטל און עס הייבט אן רעדן.

די קאווע טענה'ט יא גלאבל ווארמינג,

# איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

די מילך טענה'ט נישט גלאבל ווארמינג.

די קאווע טענה'ט סייבער טראק, די מילך טענה'ט יוקאן דינאלי.

די קאווע טענה'ט טעסלע איז די בעסטע קאר, די מילך טענה'ט מען צאלט פאר די טשארדזש מער ווי מען וואלט געצאלט פאר געזעלין.

די קאווע טענה'ט עס ענד פי פייוו האנדרעד, די מילך טענה'ט דאו דזשאונס אינדאסטריע עווערעדזש.

די קאווע טענה'ט הלוואי בלייבט די זומער זייגער א גאנץ יאר, די מילך טענה'ט הלוואי בלייבט די זייגער אזוי ווי אלע יארן ביז יעצט.

חיים פארסמאקעוועט זיך די ליפן, אזא געשמאקע קאווע שטובל שמועס! הלוואי נעמט מיין קאווע א שעה צו טרינקען.

די קאווע טענה'ט די פלעסטיק שאפינג בעגס איז א חורבן, די מילך טענה'ט די פלעסטיק TWO BY FOUR אנשטאט האלץ אויפ'ן DECK אין די "נארמאלע" קרעדיט קארד זומער הויז איז די ריכטיגע פלעסטיק חורבן.

די קאווע טענה'ט דעלעט געבט די בעסטע און מערסטע פוינטס פאר די קרעדיט קארד גניבות, די מילך טענה'ט האום דיפאוט געבט די בעסטע פוינטס, מען קען אפילו באקומען צען מיליאן TWO BY FOUR העלצער אויב מען סווייפט די גאנצע "נארמאלע" בריסקעט וואכנאכט אויף די גניבה קרעדיט קארטל.

שוין, א פיינע קאווע שטובל דיבאטע געווען היינט.

א TAP מיט די פינגער, די טיר פון היכל הבית המדרש עפנט זיך.

א טעפ אויפ'ן שאנק, א סידור פליט ארויס פון די שאנק ביז חיים'ס פלאץ.

חיים גייט צו זיין באשטימט'ן ארט, א טעפ אויפ'ן טיש, די סידור עפנט זיך ביי סדר עטיפת טלית.

א טעפ אויפ'ן טלית בייטל, די זיפער עפנט זיך, די טלית פליט ארויס און טרעפט זיך אויף חיים'ס אקסל.

חיים טוט אן טלית און תפלין, הייבט אן דאווענען.

נאכ'ן דאווענען גייט ער צו און געבט א TAP אויפ'ן טיר פון שמש שטובל.

עס פליט ארויס פון שמש שטובל ווינדאוי הערינג מיט קיכל.

ער געבט א TAP אויפ'ן טיש וואו ער האט געדאווענט און עס ווערט אויסגעשפרייט א ווייסע פלעסטיק טישטוך, עס קומען פלעסטיק טעלערס פאר די קיכל, מען הייבט אן רעדן פון שערוריות און פון דברים העומדים על הפרק און פון זאכן וואס איז וויכטיגער ווי צו גיין ברענגען פרנסה.

חיים געבט א טעפ אויף די הערינג שאכטעלע און עס הייבט אן דערציילן סיפורים פון פריערדיגן דור, און באדויערן "די היינטיגע יונגווארג", "וואס ווייסן זיי", "אמאל איז געווען א וועלט".

חיים געבט נאך א טעפ און דער שאכטעלע דערציילט פון די מחלוקת אמאל אין הוידיקישקיש צווישן דעם שוחט און דעם ראש הקהל.

חיים גייט אהיים, ער גייט אדורך טשעיס באנק, ער געבט א TAP אויף די ATM סקרין, ס'פליט ארויס א הונדערטער, נאך א TAP, נאך א הונדערטער, נאך א TAP, נאך א הונדערטער, נאך א TAP, נאך א הונדערטער, ער TAP'ט און TAP'ט און TAP'ט און TAP'ט און הערט נישט אויף צו TAP'ן.

יעדער קען לעבן די TAP לייף, יעדער קען לעבן די TOUCH לייף, יעדער קען לעבן די וואונדער לעבן, מיט תפלה קען יעדער זיין א קונצן ווייזער, דיין ליפן איז א צויבער געצייג, דיין ליפן ווייזט מער וואונדער ווי סיי וועלכע TOUCH צויבער געצייג, אז דו וועסט רעדן צום אייבערשטן, איז VOILA! שיינע הערליכע זאכן וועלן קומען צו פליען צו דיר, עס לוינט צו פרובירן.

# היכל הלכה

## הלכות קידוש סימן ער"א סעיף י'

דער מחבר שרייבט, **כוס של קידוש טעון כל מה שטעון כוס של ברכת המזון** – די כוס פון קידוש דארף האבן אלעס וואס א כוס פון ברכת המזון דארף האבן.

ביי א כוס פון ברכת המזון שטייט אין גמרא (ברכות נא.) און אין טור (סי' קפ"ג), **עשרה דברים נאמרו בכוס של ברכה** - צען זאכן זענען געזאגט געווארן דורך די הייליגע חכמים, די צען זאכן זענען;

**הדחה**: אויסשווענקן די כוס - פון אינעווייניג.

**שטיפה**: אפוואשן די כוס - פון אינדרויסן.

**חי**: אריינגיסן רוי אין די כוס, פארן צוגיסן וואסער צו די כוס.

**מלא**: ס'דארף זיין אנגעפילט.

**עיטור**: באקרוינען.

**עיטוף**: צודעקן די קאפ.

**נוטל בשתי ידיו**: ווען מ'נעמט די כוס דארף מען עס איבערנעמען מיטביידע הענט.

### הגהות

01) אמרי נועם ד"ה וי"א וכן כתבו הב"ח או"ח סי א' ומעדני יום טוב סי' ע"ה לגורסת הרי"ף ורא"ש.

02) מחזיק ברכה קפ"ג הובא בכף החיים סק"א, בשם הרמ"ע (באלפי זוטא תלמידי רבינו יונה ורשב"א.

03) סי' קפ"ג סעי' א'.

04) ליקוטי מהרי"ח סדר ברכהמ"ז, בשם התפארת שמואל על הרא"ש.

05) כף החיים סק"ד - וכן במשנ"ב סק"ב בשם א"ר - וכ"כ בשלחן הטהור ס"א ובערוך השלחן ס"א, מדברי הזוהר הק' פר' פנחס רמה. רעיא מהימנא - וכבר מצינו מנהג זה בספ' לקט יושר (עמוד פ"ו) בשם רבו התרומת הדשן ז"ל ובספ' יסוד שורש ועבודה שער ז' פ"ז כ' דעל ידי השטיפה והדחה, מתקנים תיקונים גדולים בעולמות העליונים עי"ש.

06) בספ' מגיד תעלומה לבני יששכר ברכות נא. איתא כן ומסיים שם וסימנך בפסוק (משלי ט"ו כ"ג) שמחה לאיש במענה פיו, ומורא כבר סי' זה בספ' שולחן של ארבע לרבינו בחיי ז"ל שער א' ובשל"ה הק' שער האותיות אות ק' קדושת האכילה, אות צ"ה.

07) כמש"כ בב"י בשם מדרש הנעלם, רות הובא במג"א סק"ב ושו"ע הרב סעי' ג', וכ"כ הא"ר סק"ב בשם מהר"ל מפראג בספ' נתיבות עולם, ביין יליל לעולם, וכשמערב ביין מעט מים אין בו יללה, וע"כ נוהגין אף במדינתנו ליתן בתוכן מעט מים, אפי' ביין שאינו חזק והו"ד בפרמ"ג (א"א סק"ב) ובאורחות חיים (ספינקא סק"א) ומה שנוהגים למזגו בג' טיפין דוקא, עי' בספ' מעבור יעבק (שפת אמת פ' כ"ח) וכף החיים סק"ו ומנהגינו שמוזגין את הכוס ב'ג טיפין קודם שמתחילין לברך ולא בברכת הארץ, וטעם הדבר, בספ' מנהג ישראל תורה כתוב לומר, דהיות דעפ"י קבלה יש ענין למזגו גם בקידוש והבדלה, ושם לא שייך למזגו בברכת הארץ, וע"כ דגם מקודם יש ענין לזה וע"כ נוהגין כן גם בכוס של ברכה בברכת המזון - ובספ' רב פעלים ח"ב סי' מ"ב כתוב, והנה אף על גב שבדברי האר"י ז"ל לא נזכר למזוג ג"פ זה אחר זה מכל מקום גברא רבא אמר מילתא הוא

**ונותנו ביד ימין:** ווען מ'געט עס, געט מען עס מיט די רעכטע האנט.

**ומגביה מן הקרקע טפח:** מ'הייבט עס אויף העכער די ערד א טפח.

**ונותן עיניו בו:** מ'דארף קוקן איפן כוס בשעת די ברכה.

**ויש אומרים, אף משגרו במתנה לאנשי ביתו:** ס'איז דא וואס זאגן[01], אנשטאטס רעכענען 'איבערנעמען מיט ביידע הענט' און 'איבערגעבן מיט די רעכטע האנט' פאר צוויי באזונדערע זאכן, רעכנט מען עס פאר איינס, און פאר די צווייטע, זאגן זיי אז מ'דארף שיקן צו די ווייב פון די כוס של ברכה אויף די וועג וויאזוי מ'שיקט א מתנה - מיט א חשיבות.

די פוסקים זאגן[02] אז נאר פיר זענען מעכב, הדחה, שטיפה, חי און מלא, די אנדערע זענען מצוה מן המובחר.

**הדחה - שטיפה:** אויסשווענקן די כוס פון אינעווייניג און פון אינדרויסן.

דער מחבר[03] פסקנ'ט, אז די תקנת חז"ל פון **הדחה** און **שטיפה** איז נאר ווען די כוס איז שמוציג פון ברעקלעך וכדומה, אבער אויב ס'איז אינגאנצן ריין דארף מען עס נישט אויסשווענקן.

און ווען מ'דארף יא, מוז עס נישט זיין דווקא מיט וואסער נאר אפווישן מיט א שמאטע איז גענוג.

**למעשה** אלס הידור מצוה זאל מען עס אויסשווענקן[04] אפילו ס'איז ריין. אזוי אויך עפ"י קבלה זאל מען עס אויסשווענקן אפילו ס'איז ריין[05] און אזוי פירט מען זיך.

שטייט אין הייליגע ספרים[06] דאס אויסשווענקן די כוס ברענגט פאר די מענטש שמחה, **שמחה** איז ראשי תיבות **ש**טיפה **מ**לא **ח**י **ה**דחה.

***שאלה: אויב איינער וויל מאכן קידוש אויף א כוס וואס איינער האט שוין קידוש געמאכט און ס'איז איבער געבליבן וויין\ גרעי"פ דזשו"ס אין די בעכער, דארף ער אויסשווענקן די בעכער, אדער ס'איז גענוג וואס דער ערשטער האט עס אויסגעשווענקט?***

מ'טרעפט אן ענליכע הלכה ביי הלכות פסח, שטייט אין משנה ברורה (סימן תע"ג סקס"ח) בשם די אחרונים, צווישן די ערשטע און די צווייטע כוס דארף מען נישט אויסשווענקן די בעכער ווייל מ'האט עס שוין אויסגעשווענקט פאר די ערשטע כוס.

אבער ביי קידוש איז אנדערש, ווייל די אייגענע שיריים איז נישט אזוי מיאוס ווי יענעמס שיריים, קומט אויס אז מ'דארף עס יא אויסשווענקן. און אזוי פירט מען זיך.

**חי:** דריי פשטים.

1) רוי - מ'פולט אן די כוס מיט רויע וויין און מ'גיסט צו וואסער פאר 'ועל הכל'.

2) פריש - מ'נעמט ארויס פון די פאס וויין לשם די ברכה.

3) גאנץ - די כוס זאל זיין גאנץ - נישט צובראכן.

די ערשטע פשט - רוי - אמאליגע וויין ווען ס'איז געווען סתם וויין אן צוגיסן וואסער איז עס געווען צו שטארק און מ'האט עס נישט געקענט טרונקן, נאר נאכן צוגיסן וואסער האט מען עס געקענט טרונקן. וועגן דעם שטייט אין מחבר אז מ'זאל צוגיסן וואסער ווען מ'האלט ביי 'ועל הכל', וואס די ברכה רעדט זיך פון די לויב פון ארץ ישראל און אזוי ווייזט מען די שבח פון ארץ ישראל אז איר וויין איז אזוי שטארק אז מ'קען עס נישט טרונקן אן צוגיסן וואסער.

לויט די טעם, אונזער וויינען וואס מ'קען יא טרונקן אן צוגיסן וואסער דארף מען טאקע נישט צוגיסן, אבער עפ"י

## הגהות

בעל מחב' מעבר יבק שהוא מקובל גדול, לכך ראי' לנהוג כן.

08) סי' קפ"ג סק"ח.

09) במג"א איתא שישלח לקנות מן החנוני סמוך לברכה, כדי שיהא חי, וכ"כ השו"ע הרב סעי' ד', אבל הא"ר חולק ע"ז וס"ל דאי"ד להחמיר ע"ז כיון שהיא טורחא, וכ"כ הפרמ"ג א"א סק"ג ומחצית השקל - וכה"ח סק"ט, ואפילו לד' מג"א בזמנינו אי"צ להחמיר ע"ז, כדמשמע משו"ע התניא, דכתוב לאמר, ישלח סמוך לברכה שיהא חי מהחבית, ולפי"ז בזמנינו שאין מחזיקין היין בחבית אלא בקנקן שממנו מוציאין את היין סמוך לברכה, אין נפק"מ באיזה זמן קנאו את הקנקן מן החנוני, דבכל אופן אם מוצא את היין ממנו לתוך הכוס סמוך לברכה הרי זה חי - פרי"ש.

10) משנ"ב סק"י - פרמ"ג משבצות סק"א, וכ"כ בשו"ע הרב, סעי' ד' דאינו מעכב בדיעבד.

11) בא"ר סק"ה כ', דאפילו רק חסרון כדי חגורת צפורן יש להקפיד, והו"ד בפרי מגדים, מובצות סק"א והפרמ"ג כ', דזה הוי חומרא יתירה, וכ"כ השער הציון סק"ט; אבל עכ"פ קצת יותר מכד חגורת צפרון הוי חסרון.

12) משנ"ב סקי"א, וז"ל, ובנסדק יש להקפיד לכתחילה, אפילו בלא חסרון כלל, א"ר.

13) עי' בספ' דרכי חיים אות ע"ו, שהרה"ק מצאנז זי"ע נהג שלא לקדש על כוס כזה - עי"ש.

14) וזל המשנ"ב שם: וכן אם גוף הכוס שלם רק בסיסו נשבר ג"כ יש להקפיד, ואפילו יכול לעמוד על בסיסו, אם לא שאין לא אחר יש להקל בכל זה.

15) מקור חיים לחו"י בקיצור הלכות, וכ"כ בסידור ר' שבתי - סדר הקידוש דף ס"ג ע"ב, וכ"כ בכף החיים דעפ"י סוד יש ליקח כוס כסף ולא זהב - עס איז דא וואס האבן גענוצט גאלד, ואן דרכי חיים אות ע"ו שטייט אז דער הייליגער צאנז רב זי"ע האט גענוצט פרייטאג צונאכטס א גאלדענע כוס, און רביה"ק מ'סאטמער זי"ע סוף ימיו האט אויך אזוי גענוצט, עי' זמירות דברי יואל אות

קבלה07) פירט מען זיך אז מ'גיסט צו דריי טראפן וואסער - נישט ביי 'ועל הכל' נאר - פארן אנפולן די כוס פאר קידוש אדער בענטשן.

די צווייטע פשט - פריש - מען זאל ארויסנעמען די ווין פון די פאס\באטל לשם די ברכה און נישט אז מען האט אנגעפילט די כוס פאר עפעס אן אנדערע סיבה און נאכדעם האט מען מחליט געווען אז מען וויל עס נוצן פאר די כוס של ברכה, נאר אנפילן לשם די ברכה.

דער מג"א זאגט נאך א נקודה אין די פשט אליינס, אז מען זאל עס נישט לאזן זיצן אין די כוס פאר א לאנגע צייט נאר מען זאל אנפילן די כוס גראד פאר די ברכה. אויף דעם זאגט דער משנה ברורה[08] אז עס איז נאר למצוה מן המובחר, אבער אנפילן לשם די ברכה, אויף דעם דארף מען שוין יא מקפיד זיין. און אפילו מען האט שוין אנגעפילט פאר אן אנדערע סיבה זאל מען עס צוריק גיסן אין די באטל און אנפילן לכבוד די ברכה[09].

די דריטע פשט - א גאנצע כוס - די גמרא אין מסכת בבא קמא (נ"ד.) זאגט אויף א כלי **שבירתן זו היא מיתתן** - אויב א כלי איז צובראכן הייסט עס אזוי ווי עס איז טויט, לויט די פשט מיינט חי אז די כלי זאל לעבן - עס זאל זיין גאנץ און נישט צובראכן.

דער מחבר פסק'נט סימן קפ"ג סעיף ג', **צריך לחזר אחר כוס שלם** - מען דארף נאכזוכן אויף א כלי וואס איז גאנץ. די מקור איז פון די טור; די טור זאגט היות דאס איז דאך איין פון די פשטים פון חי, און עס איז גוט יוצא צו זיין כל הדעות, און ווי דער משנה ברורה זאגט שוין, און אזוי אויך זאגט דער פרמ"ג[10], אז די הלכה אז די כוס זאל זיין גאנץ האט די זעלבע הלכה ווי פגום; אז עס איז נישט מעכב נאר עס איז א מצוה.

וואס מיינט גאנץ? עס זאל גארנישט פעלן פון די כלי. אפילו עס פעלט ממש א משהו הייסט עס שוין נישט גאנץ[11], און אפילו א שפאלט וואס בעצם פעלט גארנישט, הייסט שוין אויך פגום, כאטש עס קען זיין אז עס רינט גארנישט ארויס פון די שפאלט איז עס אויך פגום[12]. עס זענען דא וואס נוצן פאר קידוש און פאר אלע אנדערע כוס של ברכה א כוס וואס האט א פיסל[13]. ביי אזא סארט כוס דארף מען זיכער מאכן אז די פיסל איז אויך גאנץ, אויב די פיסל איז צובראכן דעמאלט הייסט עס שוין פגום אפילו די כוס קען נאכאלץ שטיין אויף די פיסל[14].

ביי יעדע סארט כוס, אויב עס איז נאר צובויגן אבער עס פעלט נישט גארנישט איז עס גוט און עס הייסט נישט פגום.

נאך א זאך וואס איז בכלל כוס שלם:

עס זאל זיין א חשובע כוס, ווי זילבער[15]. אזוי אויך זאגט דער הייליגער רבי (חיי מוהר"ן אות תקע"ז) אז מען זאל האבן א שיינע טייערע כוס פאר קידוש[16], און דער רבי זאגט אז עס איז מסוגל פאר עשירות.

א כוס געמאכט פון פעיפע'ר, פאוי"ם אדער פלעסטי"ק[17] איז א גרויסע מחלוקת אין די פוסקים אויב מען קען עס נוצן פאר קידוש, ממילא איז אוודאי בעסער אז מען נעמט א חשובע כוס. בשעת הדחק אויב מען האט נישט עפעס אנדערש, קען מען זיך פארלאזן אויף די פוסקים אז עס איז כשר פאר קידוש.

די זעלבע מחלוקת איז ביי נטילת ידים, די פוסקים וואס האלטן אז עס איז נישט קיין כלי איז ביי נטילת ידים די זעלבע, און בשעת הדחק, למשל אונטערוועגנס, אויב מען האט נישט עפעס אנדערש קען מען זיך פארלאזן אויף די פוסקים וואס זאגן אז עס הייסט יא א כלי.

## הגהות

ל"ב, עס איז דא וואס זאגן אז מען זאל נוצן גלאז, עי' בהגהות יעב"ץ - על סידורו עמודי שמים דף רצ"ג, שכתב להדר ליקח כוס זכיכות, ולא של כסף או זהב, כדי ליהנות ממראה היין.

16) הא לך לשון בחיי מוהר"ן - שמעתי שאמר לו' שיהדר שיהיה לו כוס נאה ויקרה לקידוש,וזה מסוגל לעשירות, ואמר לו אז כי "כוס" גימט' אלקים ואלקים היא בחינת יראה, ויראה היא בחינת אשה, ואמרו רבותינו ז"ל אוקירו לנשיכו כי היכי דתתעתרו.

17) היות דלהביא כל הפוסקים המדברים מזה הוי הוי ארוכה מארץ מידה, מש"ה בעניי רק אעציך חלק קטן מהפוסקים ואידך פרושה זיל גמור: האוסרים המה: שו"ת אג"מ ח"ג סי' ל"ט - קובץ אוהל משה ח"ה תשובה מהגר"י ווייס זצ"ל שו"ת בנין תורה ח"א סי' מ"ט תשובה שרגא המאיר, בסו"ס פתחא זוטא.

ומביאים שם העובדא הידועה מרביה"ק מסאטמער זי"ע שפ"א חיה במק"א ולא היה כ"א כלי כזה, דיספאזעב"ל, והימטין זמן רב, עד שהיבא לא כלי רגיל, עי' שו"ת וישב משה. די נקודה פארוואס די פוסקים זאגן אז עס איז נישט גוט פאר א כלי איז פון די רמב,ם פ"ה מהלכ' כלים ה"ז, חותל של הוצין שמניחים בו הרוטב וכיוצ"ב וכו' או שישב לאכול מה שבתוכו ולזקו טהור - וכן הקרן שהיא משתמש בו ומשליכה אינה מקבלת טומאה - ואם חישב עליה מקבלת טומאה - ד.ה. כלים וואס מען ווארפט אוועק גלייך נאכן נוצן הייסט נישט קיין כלי לגבי טומאה אז עס זאל קענען מקבל טומאה זיין מילא ה"ק לגבי נט"י - קידוש, יעדע זאך וואס דארף א כלי איז א דיספאזעב"ל כלי נישט גוט, די מתירים זאגן אז מען קען מחלק זיין פון וואס די רמב"ם רעדט צו אונזערע דיספאזעב"ל כלים, ווייל די רמב"ם רעדט פון די סארט כלים וואס מען קען עס בפועל נישט איבער נוצן, אבער אונזערע דיספאזעב"ל כלים קען מען איבער נוצן אויב מען וויל, נאר ווייל עס קאסט ביליג, ווארפט מען עס אוועק.

עכ"פ המתירים המה: שו"ת ויען יוסף פאפא ח"א סי' ס"ה, שו"ת באר משה ח"א סי' מ"ט קובץ מבית הלוי ח"ג עמ' ע' שו"ת אז נדברו ח"ו סי' מ"ה שו"ת שאילת שאול חא"ח סי' ל"ו ועוד.



בס"ד
CATSKILLS, WE HAVE YOU IN MIND
Stay Connected
WITH PROTEK
TALK-ONLY AND TALK&TEXT PHONES, READY TO USE
BRAND NEW AVAILABLE!
KYOCERA DuraXV
FROM $325
KYOCERA DuraXV EXTREME
FROM $330
HOT!! BRAND NEW AVAILABLE!
KYOCERA CADANCE
$300
REG. $350
FREE! YIDDISH KEYPAD STICKERS
TCL FLIP 2
FROM $95
FREE CASE
WONDER PHONE (Waze on car screen)
$399
LETAHER WAZE
$349
TAK PHONE (Waze on car screen)
$275
REG. $330
BLISS B1
$130
FREE! POWER BANK
POM PHONE TALK ONLY / TALK & TEXT
$370
FREE! POWER BANK
POM CLASSIC TALK ONLY / TALK & TEXT
$289
UNLOCKED
LG CLASSIC FLIP
$210
REG. $240
MP3
over 40 options available!
call us for advice
PROTEK Catskills
PURE CONNECTIVITY
HOT!!
SAMVIX X9200
$269
Optional: No video playback
SAMVIX X8400
$209
Optional: No video playback
FREE DAILY DELIVERY!
TO ALL BUNGALOW COLONIES & CAMPS
'SAME DAY' FOR ALL ORDERS ORDERED UNTILL 4:00
AKITO PICO-H
$119
SUMMER BUNDLE DEAL!!
SONIM XP3800 with 2 months unlimited service included!
$139
845.999.TALK(8255)
All Phones Are Approved By Vaad Haishur Monsey

# א בליק צוריק

טרעף צו וואס, ווען, וואו, און ווער איז דער בילד:




## בילד פון פאריגע וואך:



מוהרא"ש זי"ע באזוכט אין קעמפ, און גיבט א שיעור פאר די בחורים, ראש חודש אב תש"ע.

# מזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**הרב יעקב לעזער שליט"א**

וזוגתו שרה חנה תחי'

**צו די חתונה פון אברהם יודא נ"י למזל טוב**

**עב"ג**

**מו"ה עזרא בוים הי"ו**

וזוגתו אסתר תחי'

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אלי פערל הי"ו**

וזוגתו ריזל תחי'

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יוסף מאיר שטיין הי"ו**

וזוגתו שרה חנה תחי'

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה ישראל חיים ברוין הי"ו**

וזוגתו שרה אסתר תחי'

**צו די געבורט פון א אייניקל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.


**הילף אין שטוב**

א היימישע משפחה אין פאלסבורג זוכט א מיידל \ פרוי צו העלפן אין שטוב. שיין באצאלט

Call 845-807-7451



**צו פארדינגען**

א גרויסע 4 רומיגע דירה צו פארדינגען פאר זומער שבתים.

**רופט**

347-563-0545


מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שמשון הערש טייטלבוים הי"ו**

וזוגתו רבקה חנה תחי'

**צו די בר מצוה פון הבחור חיים נ"י למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה משה ארי' שניצלער הי"ו**

וזוגתו סימא תחי'

**צו די בר מצוה פון נחמן נתן נ"י למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**הרב שמעון רוטה שליט"א**

וזוגתו לאה תחי'

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**הראש ישיבה שליט"א**

וזוגתו אסתר גיטל תחי'

**צו די געבורט פון א אייניקל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.


loop PLUMBING

Reliable plumbing solutions

917. 202. 1206

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





**מיטינג מיט די מענעזשערס פון די אנשי חיל - לעבנסגעשיכטע קאמפיין אין שטוב פונעם ראש ישיבה שליט"א - א' ואתחנן**





**מעריב און איכה אין ביהמ"ד היכל הקודש לעיקוואד - ליל תשעה באב**









איכה, הפצה און אויספאסטן אין ביהמ"ד היכל הקודש אלעד - תשעה באב





איכה אין קרית ברסלב ליבערטי - ליל תשעה באב





קריאת התורה און איכה אין שטעטל - תשעה באב



די כולל אינגעלייט מיטן דיין שליט"א ביים
אפרעכטן תיקון חצות אין די נייע טעג



הנחת תפילין פון הבחור נחמן נתן נ"י בן מו"ה משה אריה
שניטצלער הי"ו אין שטעטל - עש"ק ואתחנן






צענדליגע טויזענטער קונטרסים בין הזמנים געדרוקט אין בית הדפוס בני ברק - עש"ק ואתחנן















**מלוה מלכה אין שטעטל - מוצש"ק ואתחנן - נחמו**





סעודת ראש חודש מיט די כולל אינגעלייט אין שטוב פונעם ראש ישיבה שליט"א אין שטעטל - ד' דברים



סיום מסכת קידושין פון הילד נתן לאנגער ני"ו
אין תלמוד תורה בית שמש - עש"ק דברים



מיטינג מיט די בחורים אין ישיבה אין בעפארגרייטונג צום היי
יעריגע אנשי חיל קאמפיין - ה' דברים





מיטינג אין בית שמש מיט די עשרה ראשונים פון די היי יעריגע אנשי חיל קאמפיין אין ארץ ישראל וואס האבן זיך
צוזאמען אינטערגענומען צו שאפן הונדערט טויזענט שקלים - ה' דברים

בס"ד

פרשת עקב
אויסגאבע # 29

# אינדערהיים




**אומשולדיגע נשמה'לעך**
מ. פעדער

**הימלישע שפייז**
ש. ל. פליישמאן

## טענות מיט תענית
ג. פעקעטע

רעספי
**טאמעיטא דיפ**

# אינדערהיים



7



8

**בס"ד**
עקב
תשפ"ו
**נומער 29**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
ל. לב
מ. סופר
מ. פעדער

**845.379.1161**

136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747

Inderheim@bletelmagazine.com
Kinderheim@bletelmagazine.com

קול ברסלב:
**212.444.9191**

אידיש שטוב:
**212.444.9169**

מ. פעדער



# אומשולדיגע נשמה'לעך

"באשעפער, איך האב שוין נישט קיין כח," קרעכצט רחל'ע שטילערהייט. פון איר פלאץ וואו זי ליגט אפגעשוואכט אויפן קאוטש, זעט זי אירע קינדערלעך שפילן מיט לעגאוס.

זי באטראכט זיי מיט א פארווייטאגטן בליק. 'אומשולדיגע נשמה'לעך,' ווישט זי אירע טרערן, 'וואס א טאג עס גייט דורך ווער איך נאר שוואכער און שוואכער; קומט זיי דען צו פארלירן זייער מאמע אזוי יונג?'

אירע מחשבות לויפן צוריק מיט א יאר. זי זעט פאר זיך די גליקליכע צייטן ווען זי איז נאך געווען געזונט און שטארק און האט געפירט די שטוב ווירטשאפט. דאס הויז איז אלעמאל געווען אויפגערוימט; זי האט שטענדיג אפגעווארט איר מאן מיט א ווארעמע סאפער, געבאדן די קינדער, און זיי אפילו איינגעשלעפט מיט א מעשה אדער א ניגון.

דאס אלעס איז געווען ביז יענע תקופה ווען זי האט אנגעהויבן זיך נישט גוט צו שפירן. זי האט געמיינט אז דאס איז עפעס וואס וועט אריבערגיין, אבער איר מצב איז נאר געווארן ערגער. רחל'ע דערמאנט זיך אין די לויפענישן צו דאקטוירים, ביז מען האט אויסגעפונען אז אירע נירן האבן אויפגעהערט צו ארבעטן. עס איז איר געווארן פינסטער פאר די אויגן.

זי האט געדארפט אנהייבן גיין פאר דיאליסיס באהאנדלונגען כדי אויסצואוואשן איר קערפער, אנשטאט אירע נירן וועלכע פונקציאנירן שוין נישט. אויסער די יסורים און די שוואכקייט, האט איר דאס מערסטע ווייגעטון צו זען ווי איר שטוב צעפאלט, און צו קוקן אויף אירע יונגע קינדערלעך וועלכע בענקען נאך זייער געזונטע און שטארקע מאמע וואס זאל זיי אויסהערן, זיך אינטערעסירן אין זיי, און זיי קאכן געשמאקע מאלצייטן.

און אויף איר מאן, וועלכער האט

<

געדארפט פרובירן צו זיין סיי א טאטע און סיי א מאמע - וואס דאס איז דאך אוממעגליך, א מאמע קען מען דאך נישט איבערנעמען. וואס א טאג עס גייט אדורך, פילט זי ווי זי ווערט שוואכער און שוואכער, און אט אט גייען שוין איר מאן און קינדער איר פארלירן; אזוי טראגיש האט איר לעבנסגעשיכטע אויסגעזען צו קומען צו אן ענדע.

ביז עס איז אנגעקומען די ישועה: מען רופט פונעם שפיטאל מיט די גוטע בשורה אז עס איז דא א 'מעטש'. עס איז דא א פרוי וואס איז גרייט איר אוועקצוגעבן א ניר, אלע טעסטס שטימען, און מען קען זיך שוין גרייטן אויף די אפעראציע.

רחל'ס פרייד איז נישט געווען צום באגרייפן; זי האט אזוי שטארק געוואלט טרעפן די פרוי, אבער יענע האט זיך נאר געוואלט טרעפן נאכן זיך ערהוילן פון די אפעראציע.

די אפעראציע איז ב"ה אריבער בשלום. עטליכע וואכן זענען פארביי, און צו איר מאן און קינדער'ס פרייד איז רחל'ע שוין צוריק צו די כוחות. די רירנדע באגעגעניש צווישן די צוויי פרויען קען מען נישט אראפשרייבן מיט ווערטער. רחל'ס הארץ איז געווען איבערגעפולט מיט הכרת הטוב - די פרוי האט איר דאך געשאנקען דאס לעבן, וויאזוי וואלט זי דען אויסגעקוקט ווען נישט איר?

איר מאן האט באקומען א נייע ווייב, אירע קינדער האבן באקומען א נייע מאמע, און זי אליין האט באקומען א נייע "זיך"; זי האט ממש אנגעהויבן נאכאמאל לעבן. די פרוי האט איר דאך געשאנקען די גרעסטע מתנה וואס איז נאר מעגליך - דאס לעבן אליין.

זי וואלט אלעס געווען גרייט צו געבן פאר די גוטהארציגע פרוי; וויאזוי קען זי איר אפילו מכיר טובה זיין? וויאזוי קען זי איר צוריקצאלן?

עס דרייט זיך א פרוי ביי זיך אינדערהיים אינגאנצן מיואש. די הויז איז איבערגעדרייט, די קינדער פאלגן נישט, איר מאן קומט נישט אהיים, און אפילו ווען ער איז יא דא, העלפט ער סיי ווי נישט. זי פילט נישט קיין שום טעם אין לעבן. נאכאמאל קאכן, נאכאמאל רייניגן, נאכאמאל וואשן וועש, און אלעס ווערט נאכאמאל שמוציג; נאך א שבת, נאך א יום טוב, שלאפן און אויפשטיין.

"וואס איז די פוינט פון לעבן?" פרעגט זי זיך אליין, פילנדיג זיך ווי א אויסגעקוועטשטע שמאטע. זי האט נישט קיין געדולד צו איר מאן און קינדער. אפשר איז זי יעצט געדרוקט מיט פרנסה, אדער גייט זי פשוט דורך א שווערע דורכגאנג, מיט די קינדער, שידוכים, וכדומה.

ביז איין טאג טרעפט זי א קארטל מיט'ן נומער פון די האטליין, און דא האט איר לעבנסגעשיכטע אויפגעשיינט.

זי באקומט אן ענטפער אויף אלע אירע שאלות און א קלארקייט אין לעבן. זי פרעגט שוין נישט "וואס איז די פוינט פון לעבן", ווייל זי פארשטייט שוין אז דער תכלית איז צו טון דעם ווילן פונעם אייבערשטן און זיך איבערגעבן צו אים. דארט אויף די האטליין הערט זי אז זי איז יא ווערד, איר ארבעט איז חשוב.

זי הערט אז דער אייבערשטער האט איר ליב און ווארט צו הערן איר קול. אויף די האטליין לערנט זי זיך אויס וויאזוי מען רעדט צו א מאן, וויאזוי מען רעדט צו עלטערן, און וויאזוי מחנך צו זיין קינדער.

איר לעבן שיינט אויף; זי פילט ממש ווי זי הייבט אן צו לעבן פונדאסניי.

איר מאן באקומט א נייע ווייב - א ווייב וואס שמייכלט און רעדט שיין; אירע קינדער באקומען א נייע מאמע. עס ווערט פלוצלונג אזוי געשמאק צו זיין אינדערהיים מיט א מאמע וואס איז פרייליך און רעדט צום אייבערשטן, מיט א טאטע און מאמע וואס לעבן בשלום; די שטוב ווערט א גן עדן.

און מער פון אלעמען, האט די פרוי באקומען א נייע "זיך".

זי פילט שוין א טעם אין לעבן און זי ווייסט שוין וואו זי שטייט אויפן וועלט. מיט יעדע פראבלעם ווענדט זי זיך צום אייבערשטן, און דאס לעבן ווערט איר אזוי זיס און געשמאק.

איז דען מעגליך צוריקצוצאלן פאר אזא פלאץ וואס האט מיר געגעבן דאס לעבן? וויאזוי וואלט איך אויסגעקוקט אן היכל הקודש?

היכל הקודש האט מיר דאך געגעבן די גרעסטע מתנה וואס מעגליך - לעבן! לעבן מיטן אייבערשטן, לעבן בשלום מיטן מאן, לעבן בשלום מיט די עלטערן און געשוויסטער, און בפרט - לעבן בשלום מיט זיך אליין. זיך נישט אראפקלאפן, נאר וויסן אז איך בין ווערד, דער אייבערשטער דארף מיך, און איך קען יא זיין א גוטע מאמע און א גוטע ווייב.

פאר אזא פלאץ וואס האט מיר געגעבן לעבן, פאר אזא פלאץ וואס האט מיר געמאכט לעבעדיג, בין איך גרייט צו טוהן אלעס אויף דער וועלט ארויסצוהעלפן אז פאר נאך און נאך אידן זאל אויך ווערן לעבעדיג.

און אפילו אויב איך רוף מענטשן פאר געלד און איך באקום בושות אדער בזיונות, און עס איז אומאנגענעם, דאך ווייס איך אז איך טוה וואס עס איז ריכטיג.

איך בין דאך שולדיג מיין לעבן פאר דעם פלאץ, פיר איך דאך סך הכל אויס מיין חוב פון הכרת הטוב. דאס ביסל וואס איך קען צוריקגעבן, בין איך גרייט צו טוהן מיטן גאנצן הארץ.

**איך בין גרייט ארויסצוגיין פון מיין באקוועמליכקייט, כדי א צווייטנ'ס לעבנסגעשיכטע זאל אויך האבן אזא גוטע ענדע.**

**איך טו עס מיט הארץ.**

# אינטערגעשטעלט

ר.ל. ווייס

"רבי, וואס טו איך?
איך שריי און רעג זיך,
וויאזוי באהערש איך מיך?"
אזוי איז א איד צום צדיק געקומען.

"זיי אזוי גוט,
אינדרויסן ווארט א מינוט,
צום גבאי'ן רעדן מיט,
מיט עפעס פארנומען..."

דער צדיק צום גבאי זאגט הויך אביסל,
"זע פארן איד אונטערצושטעלן א פיסל,
אים אויפצורעגן פרוביר מיט יעדע שליסל".
קיין איין שריי אבער נישט ארויס באקומען.

דער צדיק דעם איד רופט אריין,
זאגט: "דו האלטסט זיך איין אזוי שיין,
נישט געגעבן א שריי אפילו נישט איין.
די נסיון הכַּעס די קענסט דורך שווימען".

"רבי, אוודאי האב איך זיך איינגעהאלטן,
איך האב דאך געהערט פון די שפאלטן,
אז יעצט דארף מען מיר פארהאלטן."
דאס זאלסטו אין דיר גוט ארייננעמען.
יעדע זאך אונטער געשטעלט,
פון דעם באשעפער פון די וועלט,
ער שטייט ביי דיין געצעלט.
אזוי וועסטו אויב זיך נישט דארפן שעמען!



# Shabbos Dips

S. LEVY

רעסעפי פונדערהיים

## TOMATO DIP:

### INGREDIENTS

4 plum tomatoes
1/2 cup olive oil
3 or 4 fresh cloves garlic
1/2 tbsp salt
Black pepper to taste
1/4-1/2 tbsp red pepper flakes (optional)

### DIRECTIONS

Blend on high speed for at least 5 min. The longer you leave it to blend the nicer color and better texture it gets.

## CREAMY OLIVE DIP:

### INGREDIENTS

19 ounces Can Sliced Green Olives
5 Cloves Garlic (sliced)
1/2 Cup Olive Oil
3/4 Cup Mayonnaise
1/8-1/4 Black Pepper
1/2 tsp Red Paprika
1/2 tsp Crushed Red Pepper
1/2 tsp Salt

### DIRECTIONS

Combine all the ingredients and mix well.



**דיפס ביי א שבת סעודה?**

ס'איז דאך נישט קיין חלק פון די עסן וואס באלאנגט ביי א שבת סעודה.

אבער אויב דאס איז דיין עונג שבת, ווערסטו באקומען פארדעם, נחלה בלי מצרים.

**כל המענג את השבת נותנים לו נחלה בלי מצרים!**

ש. טראכטער



# טיף אין וואלד!

שטאק טונקל... פארלוירן... איינזאם אליינס. יעקל זעט גארנישט. ער טאפט אין די פינסטערניש און פרובירט צו עפענען די אויגן ברייטער, אפשר וועט ער עפעס זען.

נאך אפאר מינוט געוואוינען זיך זיינע אויגן צו צום טונקל, און פאר זיינע אויגן זעט ער נאר איין זאך: ביימער און ביימער און נאך ביימער...

וואו האט ער דא אריינגעבלאנדזשעט? וואו איז ער דא פארפארן? ער איז געווען אויפ'ן וועג, ער האט געהאט א קלארן ציל, שיינע מאפעס, ער איז געווען געהעריג אויפגעסעט; און אט דא איז ער פלוצלינג אזוי פארפארן אריין אין א געדיכטן וואלד. אוי, באשעפער, וויאזוי דערזעט מען זיך ארויס?

עס גייט אריבער א האלבע שעה און דאן נאך איינס. יעקל איז שוין צוגעוואוינט צום טונקל, אבער דאס פערד ברומט; ער דארף עפעס צו עסן. וואס גייט דא זיין? צי וועט ער טרעפן דעם וועג ארויס?

פון זיין ערפארונג, און פון וואס ער האט געהערט פון זיינע חברים, האט יעקל שוין געהערט גענוג מעשיות צו וויסן אז דער וועג אריין איז נישט אזוי

שוועך, אבער דער וועג ארויס דארף גרויס רחמי שמים.

די זון הייבט אן נייגן צו מערב און יעקל דערזעט זיך מיט'ן ביטערן מציאות אז ער וועט דארפן פראוועון א נאכט צווישן די ווילדע חיות אין וואלד. יעקל איז נישט געוואוינט דערצו; ער איז אויפגעוואקסן אויף זיידענע בעטגעוואנט, ער קומט פון א געזעצטער שטוב. וויאזוי גיט מען זיך דא אן עצה? ער איז דאך נישט קיין "וואלד-מענטש".

אבער נויט ברעכט אייזן, און יעקל זעצט זיך אראפ. ער בינדט צו זיין הונגעריג פערד וואס פאשעט באין ברירה פון די גראז אין וואלד, ער עסט אביסל ברויט פון זיין זעקל און קוקט זיך ארום וואו ער קען ארויפקריכן און אויף וועלכן בוים ער קען שלאפן.

יעקל האט געהאט א צושטערטע שלאף. יעדע ברום פון א חיה האט אים אויפגעוועקט און אים געלאזט ציטערן פאר פחד און שרעק.

קוים וואס די זון האט זיך באוויזן אויפ'ן האריזאנט, און יעקל כאפט דאס פערד. "ויסעו!" מען פארט. וואו? ער ווייס נישט. "איך בין נישט קיין בטלן, איך וועל זיך מסדר זיין. אז עס איז דא א וועג אריין אין א פראבלעם, איז דא א וועג ארויס." יעקל שמייסט דעם שוואכן פערד, וואס טוט זיין ארבעט אבער מיט א געצוואונגענקייט. ער פארט, אבער וואו פארט ער? נאר טיפער אריין אין דעם פראבלעם. יעקל איז צובראכן און פארלוירן, אבער ער געבט נישט אויף. ער וועט עס מאכן, ער וועט ארויסגיין. ער קען; ער איז נישט היינט געבוירן.

אבער ניין, ער קען נישט. דער וואלד איז געדיכטער ווי זיינע עצות, און דער טאג איז קורצער ווי ער מיינט. אזוי טרעפט זיך יעקל שוין די צווייטע נאכט שלאפן אין דעם פינסטערן, ענדלאזן וואלד.

פון איין טאג איז געווארן א וואך, און דאן א חודש, און דאס עסן וואס ער האט מיטגעברענגט פונדערהיים האלט שוין ביים אויסגיין. וואס וועט זיין?

די טעג לויפן און יעקל ווערט נישט קלוגער; ער זעט נאר אז וואס א טאג ווערט די נושא אלץ מער קאמפליצירט און פארוויקלט. וואס טיפער ער גייט אריין אין וואלד, אלץ שווערער ווערט די פראבלעם און אלץ געדיכטער ווערט דער וואלד.

עס זענען שוין אריבער אפאר חדשים און יעקל הייבט הענט. ער איז שוין היינט א "וואלד-מענטש": ער שלאפט צווישן די חיות, עסט פירות פון דיביימער, און האט זיך שוין חדשים נישט געשוירן אדער געוואשן ווי א נארמאלער מענטש. יעקל דערקענט זיך אליין נישט. ער דארף הילף. פון א בעל-הבית'ישן יעקל איז געווארן "יעקל דער וואלד-מאן". אוי, א בראך... אבער וויאזוי זעט מען זיך ארויס פון דא?

און אזוי אין זיין איינזאמקייט און צער שפאצירט ער זיך ארום, בעת טרערן גיסן פון זיינע אויגן. אוי, זענען דאס געווען טעג! אוי, איז דאס ליכט געווען אזוי נאנט צו מיר, אבער יעצט איז עס אזוי ווייט... וויאזוי גייט מען ארויס פון דא?

און אזוי אינמיטן זיין אייגענעם קלאג-ליד, זעט ער פלוצלינג צו זיין שאק און שמחה א ליכט שיינען ערגעץ גאר ווייט. אויף א מינוט האט ער זיך דערשראקן - פון וואו קומט א ליכטל אין וואלד? - אבער ער האט געמאכט א שנעלן חשבון אז ער האט נישט וואס צו פארלירן. ער הייבט אן גיין נאכ'ן ליכט.

ער גייט און גייט, ער האט שוין א ציל; ער גייט נישט פשוט ווייטער אריין אין דעם טיפן, ענדלאזן וואלד. עס קומט אים אבער נישט אן אזוי גרינג, דער וועג איז באלייגט מיט שטיינער און דערנער. עס גייט זיך נישט אזוי גרינג צו צו אט דעם ליכט, אבער ענדליך, נאך א לאנגן און שטורעמישן וועג, איז ער אנגעקומען צום ליכט.

ער קלאפט אריין, ציטערנדיג פאר קעלט, הונגער און שרעק. ער ווייסט נישט וואס צו ערווארטן - ווער וועט אים אט אט עפענען די טיר? ווער ווייסט ווער עס געפינט זיך דארט?

צו זיין פרייד איז קיין גרעניץ נישט געווען ווען ער דערזעט א אידישע צורה פאר זיך; און נישט בלויז א איד, נאר א הארציגער איד מיט אווארעם אידיש הארץ.

"קום אריין און דערווארעם דיר דאס הארץ," האט מען אים ברייטהארציג אנגעבאטן.

יעקל קומט אריין און ער גלייבט נישט וואס ער זעט. ער נעמט אביסל עסן און קען זיך נישט זעטיגן, סיי זיין גוף און סיי זיין נפש. ער עסט און טרינקט און איז זיך מחי'.

דאן אפערט אים זיין מכניס אורח א בעט: "ביסט דאך זיכער מיד, קום לייג דיך שלאפן."

יעקל טראכט צו זיך: "פארוואס טוט ער דאס? האט ער אפשר אייגענע אינטערעסן?" אבער יעקל איז אזוי מיד און אפגעשוואכט פון די איבערלעבעניש, אז איידער ער האט זיך אומגעקוקט, איז ער שוין איינגעזונקען אין א זיסן שלאף.

נאך א לאנגע צייט וועקט זיך יעקל אויף און קוקט זיך ארום: "וואו אין דער וועלט בין איך?" ער דערמאנט

זיך אז ער געפינט זיך אין וואלד ביי דעם גוטהארציגן איד וואס האט אים אזוי וואונדערליך געראטעוועט פון א זיכערן טויט.

ער עפנט די אויגן און טרעט אראפ פונעם בעט. א פיינע פרישטאג ווארט אים אפ און יעקל איז זיך מחי'. ער עסט דעם פרישטאג, אבער די טרערן ווישן זיך אים פון די אויגן.

מער נישט פארלירן, ווייל איך וועל דיר אויסלערנען סודות וויאזוי ארויסצוגיין פון יעדע פראבלעם און פון יעדן 'וואלד' וואו דו וועסט זיך נאר אמאל געפינען. און נישט נאר דאס, נאר מיינע סודות וועלן דיר העלפן מצליח זיין אין יעדן הינזיכט אין לעבן."

און אזוי זיצט יעקל ביים מיסטעריעזן גוטהארציגן איד, וואס לערנט אים אויס יסודות און סודות אין לעבן, און אלעס

"וואָס קען איך אייך באַצאָלן?" פרעגט ער מיט א קול פול מיט התרגשות.

"איך דאַרף גאָרנישט פאַר מיר. איך זיץ און וואַרט נאָר צו העלפן נאָך אידן ווי דיר. אָבער אַז דו ווילסט מיר העלפן, וויל איך נאָר איין זאַך: פּאַרשפּרייטן פאַר אַלעמען אַז עס איז דאָ א וועג ארויס. אויב דו ווילסט מיר צוריקצאָלן, גיי ארויס פון דיין וועג און בעט דיינע באַקאַנטע זיי זאָלן מיר העלפן מיט געלט, כדי איך זאָל קענען אָנגיין און העלפן אַנדערע פונקט ווי דיר."

...

מען רעדט צו די קינדער לויטערע דיבורי אמונה און דיבורי התחזקות; דאס וואס דו האסט זוכה געווען צו באקומען אויף דער עלטער, באקומען זיי שוין פון וויגל אן. קענט איר זיך פארשטעלן ווי הייליג און ריין דער קומענדיגער דור וואקסט אויף?

"וואס גייט פאר?" אינטערעסירט זיך דער מכניס אורח, "צו פעלט דיר עפעס דא?"

"אלעס איז ביי מיר זייער פיין," ענטפערט יעקל, "אבער איך זאג אייך דעם אמת: איך וויל נישט בלייבן וואוינען אין וואלד. איך האב א משפחה און איך זוך א וועג אהיים."

"געוויס," בארואיגט אים דער איד, "דאס איז טאקע דער ציל פון אונזער הויז דא אין וואלד - צו געפינען אזעלכע ווי דיר און זיי צוריק פאראייניגן מיט זייערע משפחות. אבער נישט נאר וואס דו וועסט אנקומען אהיים, נאר דו וועסט אהיימקומען פיל קלוגער און בעסער ווי פריער. דו וועסט זיך

אינגאנצן אומזיסט; קיין איין מאל רעדט מען נישט פון באצאלן.

דער אומבאַקאַנטער איד, מיט זיין אומבאַקאַנטן ציל, באַגלייט יעקל ארויס פונעם וואַלד. ער גיט אים שפּייז, טראָגט אים צוריק צום דרך המלך ארויס פון וואַלד, און ווייזט אים אָן דעם וועג צוריק.

יעקל איז געשטיקט פון טרערן. ער ווייסט נישט וויאַזוי מען זאָגט "שכח" פאַר איינעם וואָס האָט אים געראַטעוועט דאָס לעבן, און נישט בלויז געראַטעוועט, נאָר אים געגעבן א ניי לעבן וואָס איז פיל בעסער, פיל שענער און פיל מיט אינהאַלט.

יעדער איינער אין היכל הקודש האָט אן אייגנאַרטיגן סיפור התקרבות. איינער האָט געהאַלטן ביים אָפּגרונט פון שאול תחתית און געקלערט אַז דער אייבערשטער דאַרף אים שוין נישט. א צווייטער האָט לפנים געלעבט א שיין לעבן, אָבער אינעווייניג איז ער געווען חרוב ונחרב. א דריטער איז געווען גאַנץ כמעשה, אָבער עס האָט אים געפעלט א טעם אין לעבן.

איינער האָט זיך געמוטשעט מיט שלום בית, חינוך, חובות, עבודת השם, לערנען און דאַווענען; איינער האָט זיך געמוטשעט און נישט געפונען קיין סיפוק אָדער שמחה אין לעבן; און נאָך איינער האָט געליטן פון פחדים וכדומה...

קיין חילוק וואס אדער וויאזוי, איז די נשמה געווען פארבלאנזשעט און פארווארפן אין א טיפן וואלד, אין די לאפעס פונעם שטן וואס האט אונז פארכאפט, יעדער אויף זיין אופן. אלע האבן געזוכט א ליכט, א וועג וויאזוי מען קען דערגרייכן דאס וואס מען האט געזוכט. יעדער אויף זיין וועג האט געשפירט ווי ערגעץ-אינמיטן איז דאס

לעבן געבליבן "סטאק" אין א געדיכטן וואלד, וואס ווי מער מען האט געזוכט דעם וועג ארויס, אלס טיפער און טיפער האט מען זיך געטראפן פארוויקלט אינעם פראבלעם.

אבער אנדערש ווי אינעם משל, איז דאס דאס לעבן פון יעדן מענטש, נישט נאר פון דיר. יעדער מענטש אויף דער וועלט מוטשעט זיך; יעדער גייט ארום מיט זיין פארוויקלטער פרשה, מען טאפט ארום אין דער פינסטערניש און מען זוכט א וועג ארויס פון די פראבלעמען.

דיר האט דער אייבערשטער מזכה געווען דו זאלסט (אפשר... בטעות?) אנקומען צו די ליכטיגע שיעורים פון דעם ראש ישיבה, וואס האט צוביסלעך און שטייטלעך אנגעהויבן איבערצודרייען דיין לעבן.

איין שיעור און נאך איינס, איין ניגון און נאך איינס, איין חיזוק יומי און נאך איינס, איין עצתו אמונה און נאך איינס; שטייטלעך האבן די ווערטער אנגעהויבן אריינטראפן אין דיר און אנגעהויבן איבערפרישן דיין גאנצע נפש.

דער ראש ישיבה האט דיר נישט נאר געגעבן א וועג ארויס פון דיין פערזענליכן וואלד, נאר ער האט דיר צוגעגעבן שכל און עצות וויאזוי זיך צו באגיין אין יעדן הינזיכט פון לעבן. ער האט דיר געלערנט דעם וואונדערליכן סוד פון התבודדות, וואס וועט דיר העלפן דיין גאנץ לעבן מיט יעדע פראבלעם, קיין חילוק וואו דו וועסט זיך געפינען.

דער ראש ישיבה האט אויסגעטרעטן א וועג אין וואלד מיט בלוט און שוייס. פאר וועמען האט זיך דער ראש ישיבה פארשמירט אין די וועלט? פאר זיך? ניין! פאר דיר און פאר מיר! פאר אונזערע דורות און פאר אונזערע קינדער.

ער האט נישט נאר געגעבן שפייז און טרינקען פאר אונזערע נשמות, נאר ער האט אויך אינזין געהאט אונזערע קינדער מיט די הייליגע מוסדות היכל הקודש.

עס זענען נישטא די ווערטער, און עס איז נישטא די ריכטיגע שפראך אויסצודרוקן וואס די מוסדות טוען פאר אונזערע קינדער. מלמדים און טיטשערס "מיט הארץ"... מלמדים און טיטשערס וואס קוקן אויף די נפש פון אונזערע קינדער; זיי קוקן מיט די אויגן פונעם רבי'ן און זוכן נקודות טובות.

שפאצירט איין מאל אריין אין חדר אדער אין סקול, הערט זיך צו וואס מען רעדט צו די קינדער, בליקט אריין אין לאנטש-רום צו הערן וואס מען דערציילט זיי, און איר וועט אליין נישט גלייבן אייער גליק. מען רעדט צו די קינדער לויטערע דיבורי אמונה און דיבורי התחזקות; דאס וואס דו האסט זוכה געווען צו באקומען אויף דער עלטער, באקומען זיי שוין פון וויגל אן. קענט איר זיך פארשטעלן ווי הייליג און ריין דער קומענדיגער דור וואקסט אויף?

מוסדות היכל הקודש איז דער ענטפער צו אלע טרערן און תפילות פון אידישע מאמעס. מוסדות היכל הקודש איז דער ענטפער צו תפילת השל"ה וואס דו בעטסט מיט טרערן... אז מיר זאלן זוכה זיין צו קינדער מרי מקרא, מרי משנה, מרי רזא, מרי גומלי חסדים וכו'... ועבדוך באהבה וביראה פנימית, ולא יראה חיצונית.

אייבערשטער, געב מיר קינדער וואס וועלן לייכטן אין מקרא, משנה, וכו'... סודות התורה... גמילות חסדים און גוטע מידות; דיר צו דינען מיט אן אהבה און אן אינעווייניגסטע יראה, נישט ח"ו נאר א פארכט פונדרויסן פאר די גאס... העלף מיר טאטע, מיינע קינדער זאלן זיין "אידן"!

אלע שפירן הכרת הטוב... אלע ווילן צוריקגעבן... יעצט איז די צייט, יעצט איז די געלעגנהייט. דער ראש ישיבה שליט"א האט אוועקגעגעבן זיין הארץ און זיין נשמה צו ברענגען דעם הייליגן רבי'נס עצות צו אונז, אצינד איז אונזער צייט צו געבן אונזער הארץ... און ארויסגיין פון אונזער וועג.

ריכטיג, עס קומט נישט אן גרינג און צומאל איז עס אומבאקוועם... אבער געדענק וואס מען האט געטון מיט דיר... געדענק וויאזוי מען האט אונז געפונען (סיפורי מעשיות)... געדענק וואס דער בעטלער (דער צדיק) האט געטון פאר אונז און פאר אונזערע דורות.

שוועסטער, לאמיר זיך שטארקן און ארויסגיין מיט אונזער גאנצע הארץ. מיר טוען עס פאר זיך, פאר אונזערע קינדער, און פאר אונזערע שוועסטער - אחינו בני ישראל - וואס בלאנדזשען נאך אין וואלד.

(אויב ווילסטו זיך אביסל אנווארעמען פארן קאמפיין, איז כדאי אויסצוהערן די שיעורים פאר די בחורים פון פרשת דברים און ואתחנן, וואו דער ראש ישיבה דערציילט די מעשה פונעם בערגער און דעם עני... צו הערן אביסל איבער הכרת הטוב פארן צדיק וואס האט דיר ארויסגעשלעפט און ארויפגעשלעפט צום אייבערשטן, און דיר געגעבן א לעבן וואס איז ווערד צו לעבן! א לעבן מיטן אייבערשטן!)

ש. ל. פליישמאן

# אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## הימלישע שפייז

הימל, ערד און זאמד,
קיין עסן און קיין גרינס,
די זון מיט היץ פלאמט,
וואסער א געווינס.

אזוי וואלט געדארפט זיין,
ווען ס'גייט א גאנצע דור,
אן שוץ, אן הילף אליין,
אין וויסטקייט פון מדבר.

אבער ניין, גראדע,
ס'האט ענדערש אויסגעקוקט,
ווי א פרייליכע פאראדע,
פון וואס מ'ווערט אנטציקט.

וואלקענעס ווי רעדער,
האבן זיי געפירט,
ווי ווייכע שיך פון לעדער,
א שטיינדל נישט געשפירט.

וואלקענעס וואס ברענען,
שיינען שטארק ווי לעכט,
די אידן זאלן קענען,
ווייטער גיין אין די נעכט.

געפירט אונז ווי א טאטע,
מיט נסים יעדע ריר,
אין וואלקענעס ווי וואטע,
אן איינגענומען שפאציר.

דו שפיץ, די גרעסטע נס,
א גאנצע פאלק שפייזן,
מיט מן יעדע מעת לעת,
אין א לאנגע מדבר רייזע.

וואס מ'האט געוואלט,
קעניגליכע מעדנים,
געשפירט האט דאס פאלק,
אלע מיני טעמים.

די מן האט זיך צולאזט,
אין יעדע ביין, יעדע גליד,
קיין קרעמפן ס'האט געקאסט,
נישט געשלעפט צו ווערן מיד.

טעגליך שפייז, טעגליך עסן,
בא'טעמ'ט און דערפרישנד,
פון הימל דעליקאטעסן,
הייליג, נאר קדושה.

דאך זענען געקומען,
גאר א קליין חלק,
און אנגעפאנגען קרימען,
"עס איז שוין לאנגווייליג."

מן צופרי, מן אין אוונט,
עס איז נישט גענוג גוט,
מיר דארפן לתיאבון,
שטילן אונזער אפעטיט.

די ערב רב מכה,
האבן די מן גרינגגעשעצט,
"דאס איז עסן געשמאקע?
מיר ווילן א פלייש געקעכץ."

ווי קען מען פארגעסן,
מיר בענקען און מיר האפן,
צו מצרים'ס עסן,
געב אונז פלייש פון שליו'ן.

מיר קומען צו שיעורים,
וואו מען טוט סערווירן,
די זעלבע מן דיבורים,
**דעם אייבערשטן** צו שפירן.

אבער אז מען איז ווייט,
שפירט מען נישט די קדושה,
די רייד מאכן נישט זאט,
מען וויל תורות פרישע.

א גאנצן טאג הערן,
"דער אייבערשטער איז מיט מיר",
וואס וועט פון דעם ווערן,
פארוואס נאך א שיעור?

ווי מער אמונה מ'עסט,
ווערט מען מער א מבין,
מ'פארשטייט שוין די טעיסט,
פון אמונה גלייבן.

געטליכע שפייז; די שיעור,
נאך מן/אמונה שטיקלעך,
דער אייבערשטער איז מיט מיר,
איך פיל אלץ מער גליקלעך.

ווי אזוי איז די פראגע,
קום איך אן צו דעם,
צו א טעם א געשמאקע,
ווי גן עדן אנגענעם?

הייב אן רעדן בעיבי שפראך,
שמועס מיט דיין טאטע,
פארצייל אים יעדע זאך,
דיינע קישקעס פריוואטע.

מן צופרי, מן ביינאכט,
אמונה מער באקומען,
וועסט שפירן אזוי רייך,
**מיט אייבערשטער** ארומגענומען.

"העלף מיר ווערן זאטער,
שפירן דיין אנוועזנהייט,
געב מיר ליבער טאטע,
א מח פרייליך ברייט".

"צמצומים פארשוואונדן,
לעבן מיט אמונה,
**מיט דיר** זיך פארבינדן,
אטעמען נאר שכינה."

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**




ג. פעקעטע

# טענות מיט תענית

עטס האטס געהערט די פריילעכע נייעס?

ס'האט זיך געעפנט א נייע ישיבה די וואך! בחורים וואס לערנען מיט תמימות און לעבן מיט אמונת חכמים.

אויפ'ן שיעור מיט'ן נאמען 'חמשה עשר באב תשפ"ה' רימט דער ראש ישיבה אויס די נייע ישיבה וואס גייט זיך עפענען מארגן.

וואס איז די מעשה? וואס איז געווען?

ס'איז געווען אין די אנהייב יארן פון ישיבת תפארת התורה, ווען ס'איז שווער געגאנגען שידוכים פאר די בחורים וועגן די אלע לשון הרע'ס. ווען מוהרא"ש איז געקומען אויף א באזוך אין קעמפ, האט ער געגעבן אן הבטחה פאר די בחורים. א נייע סגולה, א נייע דערהער; "ווער ס'וועט לערנען מסכת תענית יעדן טאג פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, פערציג טעג אין א צי, וועט טרעפן זיין שידוך".

די בחורים האבן עס גענומען זייער ערנסט, און זייער אסאך זענען טאקע חתנים געווארן דורך די הבטחה, מיט דעם סגולה.

לאמיר עס אביסל צולייגן!

מ'קען עס אפרעגן, מיטן זאגן אז ס'איז דאך 45 טעג, נישט 40 טעג. אבער מוהרא"ש האט געענטפערט: "אז מען זאגט שוין, וועט מען שוין ווערן צוגעוואוינט און מען וועט שוין ווייטער זאגן ביז נאך ראש השנה אויך".

איך וויל מיך דא ארויפכאפן אויף די 40/45 טעג, מיט תמימות און פשיטות. מ'פארדינט דאך די פינף

טאג- וואס זענען אט יעצט פארביי- אויב גייט מען מיט תמימות און אמונת חכמים און א צדיק'ס ווארט.

ווי אזוי קענען מיר פרויען זיך מיטכאפן מיט'ן הבטחה פון מוהרא"ש?

רבי נתן האט געזאגט פאר איינעם, "פרוביר מיך אויס, בעט אויף א זאך פערציג טעג אין א צי, און לאמיר זען אז דו ביסט נישט געהאלפן געווארן". ווערט איינער קומען און זאגן, "איך בין נישט געהאלפן געווארן", איז דאך זיכער קלאר ווי דער טאג אז דו האסט נישט געבעטן פערציג טעג אין א צי.

יעצט, בערך פערציג טעג פאר ראש השנה, ווילן מיר אויך אן הבטחה פאר א יאר מיט א גוטע שידוך/ שלום בית, און מיידלעך ווילן טאקע טרעפן זייער שידוך. לערנען תורה וויסן מיר פרויען איז זיכער נישט אונזער זאך. וואס קענען מיר יא טון?

מסכת תענית! מ'קען עס ליינען: **מ**'יט, **ס**'בלנות, **כ**'האב נישט, **ת**'רעומות, אדער **תענית - טענות** וואס א מענטש פאלט שטענדיג אריין.

ווען מ'האט געפרעגט מוהרא"ש אויב מ'קען אויך נוצן די סגולה פון מסכתא תענית פאר שלום בית, איז די ענטפער געווען אז נישט. אויף שלום בית דארף מען הארעווען. נישט דוקא אין א ספר, וואס צומאל ווען מ'פארשטייט נישט עפעס, אדער ס'האט זיך אויסגענוצט די כוחות, ס'באפאלט א מידיגקייט, געבט מען עס א קלאפ צו און מ'וואקט אוועק דערפון. אבער מיט א ווייב, און פאר אונז מיט א מאן, דארף מען זיך אפגעבן רואיג, געלאסן, און מ'קען עס נישט פארקלאפן, צוזעצן, אדער אוועקוואקן דערפון, ווייל נאכדעם הייבט זיך אן די ריכטיגע מסכתא פון טענות- טענה'ריי און קריגעריי, וואס קיין איין קלוגע פרוי וויל נישט אריינפאלן אין דעם נעץ.

מיר דארפן ארבעטן אויף אן אנדערע וועג, אויף 'מסכת טענות'- נאר גיין מיט סבלנות, נישט האבן קיין תערומות אדער טענות.

מ'בעט דעם אייבערשטן צו זען גוטס, זיך נישט אויפרעגן אויפ'ן מאן, נישט האבן קיין טענות אויפ'ן מאן אדער חס ושלום קיין תרעומות אויפ'ן אייבערשטנ'ס וועגן וויאזוי ער איז מזווג זיווגים. נישט אויב מיין שידוך איז נאך נישט אנגעקומען, און נישט אויב מיין שידוך איז שוין דא אבער ס'קוקט בכלל נישט אויס אז ס'איז א פאסיגע שידוך.

מ'קען זיך נאך אויסוועלן וועלכע נקודה מ'וויל פארערכטן - מיט תפילות - פאר'ן יום הדין, אויף וואס מיר אלע זוכן זיך איבריגע זכותים. ס'איז יא נאך דא 40 טעג!!

***

דער דאקטאר האט אפגעשריבן א מעדיצין פאר מיין יונגל וואס האט זיך נישט גוט געפילט. שפעטער אין טאג איז געקומען א קלאפ אויפ'ן טיר. דארט איז געהאנגען א בעג וואס האט געהאט די מעדיצין דערין. אויפ'ן בעג איז געווען אין גרויס אויפגעשריבן די נאמען פון די נייע פארמאסי, וואס איך האב געבעטן מען זאל שיקן דארט די פרעסקריפשן, וויבאלד עס איז נענטער און ס'וועט נעמען שנעלער אנצוקומען.

מיין זון, וואס האט געדארפט נעמען די מעדיצין, באטראכט די פעקעדזשינג: די בעג, די סטיקער, די לעיבל. און ער האט גלייך דערקענט אז דאס קומט נישט פון די געווענליכע פארמאסי וואס מיר נוצן. געווענליך איז די פעקעדזשינג א אראנדזש קאליר, און יעצט איז די פעקעדזשינג געווען בלוי. ער פרעגט מיך פארוואס ס'זעט אויס אנדערש היינט. האב איך אים געזאגט ער זאל ליינען דעם נאמען.

וויבאלד ער האלט זיך אינמיטן לערנען צו ליינען ענגליש, האב איך געוואלט ער זאל דארט פרעקטיסען און אויסלערנען ליינען. ער זוכט אויף דעם נאמען, און ער הייבט עס אן ליינען. ער שטאמלט ארויס דעם נאמען פון די פארמאסי, וואס רופט זיך **בעסעריש**.

ער קוקט מיך אן מיט נייגעריגע אויגן, און פרעגט, "וואס מיינט דער נאמען **בעסעריש**?" איך קוק אים צוריק, און איך טראכט צו זיך, וואס טאקע מיינט דער נאמען בעסעריש? ער גייט ווייטער און פרעגט: "וואס מיינט בעסער? איז עס בעסער פון... פון וואס?" איך האב פרובירט צו ענטפערן אויף זיין לעוועל: ס'איז בעסער. בעסער פון אפשר א צווייטע פארמאסי וואס זיי פרובירן צו ארויסווייזן? בעסער, אפשר די מעדיצין וואס זיי ברענגען וועט דיר מאכן פילן בעסער? בעסער, אפשר איז זייער סערוויס בעסער ווי א צווייטע פארמאסי? איך בין נישט געווען זיכער וואס די בעסערישקייט פון די פארמאסי מיינט טאקע.

יעדער ביי זיך פילט זיך בעסער און האלט זיך בעסער ווי א צווייטן. וואס אבער הייסט בעסער? ווער זאגט בכלל אז דו ביסט טאקע בעסער? קומט אויס אז ביי שידוכים און ביי שלום בית, ווי די טבע איז אז א מענטש זוכט בעסער, האלט זיך בעסער ווי א צווייטע צד, איז שווער ס'זאל טאקע זיין אן אמת'ע שלום.

לאמיר צוריקגיין צו דעם פרייליכן טאג, חמשה עשר באב וואס מ'זאגט אויפן טאג **"לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר**

**באב**". וואס איז די שמחה, וואס איז די פרייד?

די שמחה און די פרייד איז געווען אז מ'האט געמאכט שלום צווישן אידן.

ס'איז געווען א שטיקל מחלוקת, קריגעריי, פאנטשער – אדער וויאזוי דו ווילסט עס אנרופן – ביי כלל ישראל, און מ'האט אויסגעשלאסן שבט בנימין. קיינער האט זיך מיט זיי נישט געוואלט משדך זיין, און אזוי איז געווארן טיפער און שטערקער דער שניט, די צווישנשייד צווישן די שבטים און די עדות.

**לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה אלא השלום** – אין דעם טאג האבן די אידן ענדליך שלום געמאכט, ענדליך זיך איבערגעבעטן, ענדליך איינגעזען אז איינער איז נישט בעסער פונעם צווייטן, זיך איינגעבויגן די קאפ פאר'ן אייבערשטנ'ס פלאן.

פרויען פילן צומאל, 'וויפיל איז די שיעור זיך איינצובייגן די קאפ און ליידן און שוייגן ווען מיין מאן דערנידערט אדער קלאפט מיך אזויפיל אראפ?'

דער ראש ישיבה האט עס קלאר מסביר געווען. אויב דו בייגסט זיך איין פאר דיין מאן– איז טאקע דא א שיעור, און אז דו וועסט זיך בייגן צו שטארק, וועסטו טאקע אראפפאלן און אונטערברעכן. אבער אויב דו ווייסט אז דו בייגסט זיך נישט פאר דיין מאן, נישט ווייל ער פארלאנגט און ער באלבאטעוועט, און ער איז נישט מכיר טובה, און ער איז משפיל... נאר דו בייגסט איין דיין קאפ פאר'ן אייבערשטן. פאר'ן מלך מלכי המלכים וואס ווייסט אלעס, וואס מאכט אלעס, וואס פירט אלעס. דו בייגסט זיך איין פאר אים, ווייל דאס איז רצון השם; אז דו זאלסט האלטן די שלום אין דיין שטוב, נישט איינגייין פאר מחלוקת וואס איז די ערגסטע זאך, עס טרייבט ארויס שכינה. דאן איז שוין נישט אזוי שווער זיך צו בייגן, און מ'ברעכט נישט אונטער, ווייל מ'ווייסט אז מ'טוט עס פאר'ן אייבערשטן און נישט פאר קיין מענטש.

דאס איז די פרייד פון דעם טאג חמשה עשר באב.

אידן האבן זיך איינגעבויגן מיטן צדיק'ס דעת פאר'ן אייבערשטן און שלום געמאכט. אין יענעם טאג האט מען געמאכט שידוכים צווישן די שבטים. די מיידלעך זענען ארויסגעגאנגען, און אזוי האט מען געמאכט איין שידוך נאכ'ן צווייטן. נישט פאר זיך וויאזוי ס'שמעקט, וויאזוי ס'געפעלט, אדער געזוכט עפעס א באמבעדיגע שידוך, נאר פאר'ן אייבערשטנ'ס וועגן, צו טון דעם רצון השם.

ביי שידוכים קומט שטענדיג אריין די שפרעך ווארט 'מיר זענען א בעסערע משפחה, פארוואס טראגסטו מיך אן אזא פשוט'ע זאך?'

לאמיר פארשטיין. וואס מיינט בעסער? בעסער פון וועם? בעסער פון וואס? און בעסער לכבוד וואס? ווער מיינסטו דו ביסט בכלל אז דו דארפסט באקומען עפעס בעסער?

יעדע מענטש ביי זיך אין קאפ האלט זיך פאר די פערפעקט באלאנס, פונקט אויפ'ן גוטע שטאפל. נישט צו רבי'ש, נישט צו נעביש, נישט צו לאו-אינקאם, נישט צו היי-אינקאם, נישט צו פלאטשיג, און נישט צו כיטרע. ווען מ'טראגט אן א שידוך, א צווייטע משפחה, איז דאך אוודאי אז ס'מעסט נישט צו פונקטליך צו דיין לעוועל, ווייל דו האלטסט זיך בעסער, און פערפעקט. טראכט אריין אבער, די צווייטע זייט האלט זיך אויך בעסער. כאטש דו קוקסט זיי אן פיל מער מחמיר/ מקיל ווי ענקער סטאנדארד, כאטש דו קוקסט זיי אן צו רייך/ ארעם נאכצומאכן זייער לייפסטייל, כאטש דו קוקסט זיי אן ווי אויבער חכמים/נאראנים, קוקן זיי צוריק די זעלבע וועג מיט זייער מעסטן גלאז, און שטעמפלען אייך אויך אפ אז ס'איז נישט גענוג גוט, זיי זוכן בעסער.

דאס איז די שמחה פון חמשה עשר באב. מ'בייגט זיך איין ביי שידוכים און ביי שלום בית. ווער? נאר דער וואס הערט אויס און פאלגט א צדיק. אז מ'ווייסט אז דאס איז דער אייבערשטער'ס ווילן, קען מען אוועק קוקן פון די אייגענע בעסערישקייט און אנהייבן אנערקענען און זען אז די צווייטע זייט איז פונקט אזוי בעסער ווי מיר!

לאמיר דורכטון '**מסכת טענות**'– **מיט סבלנות**– איך האב נישט קיין תרעומות אדער ח"ו קיין טענות. איך בין נישט בעסער ווי א צווייטן. איך זוך אויף די גוטס אין אנדערע. אזוי קענען מיר זיך גרייטן 40 טעג ארויסצוגיין זכאי בדין. אז מ'איז יענעם דן לכף זכות, וועט דער אייבערשטער דיר דן זיין לכף לזכות!

אפילו מיין שכל טראכט איין וועג, און איך דארף מאכן שלום מיט א צווייטן וועמענ'ס שכל טראכט פונקט פארקערט, איז דאס אמת'ע שלום בית– אש ומים לעבן צוזאמען, און עס ווערט שמים, שלום!

**"הייליגער באשעפער, העלף איך זאל נישט האבן קיין טענות אויף מיין מאן, אויף מיינע קינדער, אויף מיינע ארומיגע, אדער קיינעם אין מיין לעבן, נאר איך זאל שטענדיג געדענקען אז דו פירסט אלעס, דו מאכסט אלעס, און איך בין נישט בעסער ווי א צווייטן."**

# ב"ה מעשה'לעך 5
# אנגעקומען!



פון די
'מעשה'לעך
פאר קינדערלעך'
סעריע
אריינצוברענגען די
הייליגע ריינע אמונה
און יראת שמים
און די קינדער

קאלערינג ביכל



צו באקומען פאר הפצה
אדער פאר א יחיד
רופט שוין אריין קרן הדפסה
**718.387.2691**

און נאך וואס וועט ארויסקומען בקרוב בעז"ה




בחידה טובה:

## נישט מילכיג, נישט פליישיג, נאר פארווע






נייע רובריק:

## אין איין בילד

דעם

# רבינ'ס חדר

## ר' אלחנן שאלה

**סיי אין אמעריקע און סיי אין לאנדאןווארט מען זעקס שעה צווישן מילכיג און פליישיג, וואס איז די חילוק?**

אין אמעריקע טוט מען עפעס אינצווישן אויכעט...



## מילתא דבדיחותא

די סיבה פארוואס ווייסע טשאקאלאד עקזיסטירט, איז כדי די שווארצע זאלן אויך קענען שמוציג ווערן...

א איד פלעגט יעדן טאג נאך די ארבעט גיין צו א רעסטוראנט און באשטעלן א הייסע טעלער זיפ, און אזוי ווי די זיפ איז געווען גאר הייס פלעגט ער ארויסגיין דערווייל כאפן א צוגארעטל ווילאנג די זופ ווערט וויניגער הייס.

די פראבלעם איז אבער געווען אז נאכן צוריק קומען צו זיין טעלער פלעגט ער עס טרעפן ליידיג... איינער האט זיך פשוט מחיה געווען דערמיט! איז אים בייגעפאלן א געדאנק, ער נעמט א צעטל און שרייבט ארויף 'איך האב אריינגעשפיגן אין די טעלער' אזוי וועט קיינער נישט אויפעסן זיין זופ.

ער גייט ארויס און קומט צוריק אזוי געמיטלעך נאך אפאר מינוט און עס האט געארבעט! די טעלער איז געבליבן פיל! ער קומט נענטער און ער זעט ווי איינער האט צוגעשריבן צום צעטל 'איך אויך'...

## ספר המדות'ל

### אֲכִילָה

**ט. מִי שֶׁכֶּלֶב נְשָׁכוֹ, בְּיָדוּעַ שֶׁרַחֲמֵי שָׁמַיִם מְסַלְּקִין מִמֶּנּוּ, גַּם בְּיָדוּעַ שֶׁנִּכְשַׁל בְּמַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת.**

װער עֶס הָאט גֶעכַאפְּט אַ בִּיס פוּן אַ הוּנְט, אִיז אַ סִימָן אַז מֶען הָאט נִישְׁט רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים אִין הִימְל, אוּן אוֹיךְ וַוייזְט דָאס אַז עֶר אִיז נִכְשַׁל גֶעוָוארְן אִין עֶסְן זַאכְן וָואס מֶען טָאר

## בחידה טובה

**1. ווי שטייט די ווארט יתרו אין שמונה עשרה?**

**2. ווען קען אויסקומען אז א מענטש מעג נישט עסן קיין מילכיגס און נישט קיין פליישיגס, און ער מעג יא עסן פארוועץ?**

**חידות און ענטפערס פון פאריגע וואך:**

1. ווי קען מען טרעפן ביי תפילת שחרית אין צוויי באזינדערע פלעצער 5 ווערטער אין א צו וואס הייבן זיך אן מיט די אות 'א'?

**אמר אויב ארדוף אשיג אחלק (שירה)**
**אפסי ארץ אמת אשרי איש (עזרת)**

2. וועלכע זאך ווען עס איז יונג האט עס ווייסע האר און ווען עס איז אלט האט עס שווארצע האר?

**א הבדלה לעכט**

# יאָרצייט פון די וואָך

דער הייליגער
## רֶבִּי סֶענְדֶר מִקָאמַארְנָא
זי"ע

יארצייט:
כ"א אב

**דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, כ"א מְנַחֵם אָב, גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי סֶענְדֶערְל פוּן קָאמַארְנָא זצ"ל.**

עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּן דֶעם הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין. דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה הָאט אוֹיף אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אֵיינֶער פוּן דִי ל"ו צַדִיקִים (אִין יֶעדְן דוֹר זֶענֶען דָא 36 צַדִיקִים וָואס אִין זֵייעֶר זְכוּת שְׁטֵייט דִי וֶועלְט, און דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה הָאט גֶעזָאגְט אַז רֶבִּי סֶענְדֶערְל אִיז אֵיינֶער פוּן זֵיי).

רֶבִּי סֶענְדֶערְל הָאט גֶעהַאט אַ הֵיילִיג קִינְד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי אַייזִיקְל פוּן קָאמַארְנָא. וֶוען דָאס קִינְד אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה גֶעזָאגְט אַז דִי קְדוּשָׁה פוּנֶעם טַאטְן און פוּנֶעם זוּן אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז זֵיי וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען זַיין צוּ לַאנְג אִינְאֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט. און טַאקֶע וֶוען רֶבִּי אַייזִיקְל אִיז אַלְט גֶעוֶוען צְוֶועלְף יָאר, אִיז זַיין הֵיילִיגֶער טַאטֶע נִפְטָר גֶעוָוארְן (ווִי מִיר וֶועלְן שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְן).

רֶבִּי סֶענְדֶערְל הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ גֶעהַאט צוּ לֶערְנֶען, אַז גָארְנִישְׁט הָאט אִים נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט. עֶר פְלֶעגְט לֶערְנֶען שַׁ"ס כְּסִדְרָן פִילֶע מָאל, און אַזוֹי אוֹיךְ שׁוּלְחָן עָרוּךְ, פּוּנְקְט ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אִין זַיין דֶרֶךְ הַלִימוּד. אוֹיךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעפִירְט אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, הָאט עֶר אַלֶעמָאל אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם גַאנְצְן נָאמֶען, לְמָשָׁל: רַבֵּינוּ מֹשֶׁה בֶּן מַיְמוֹן, רַבֵּינוּ יַעֲקֹב תַּם, רַבֵּינוּ שְׁלֹמֹה יִצְחָקִי, וְכַדוֹמֶה, און נִישְׁט דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת ווִי רַמְבַּ"ם, רַשִׁ"י א.א.וו.

דָאס דֶערְמַאנְט אוּנְז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶעדְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים, אַז דוּרְךְ זָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים קֶען מֶען טוֹישְׁן דִי טֶבַע און זַאכְן וָואס פַּאסִירְן. בַּיי אוּנְז אִין בְּרֶסְלֶב אִיז דָא דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר "שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים" וָואס עֶנְטְהַאלְט דִי נֶעמֶען פוּן אַלֶע צַדִיקִים.

### תּוֹרָה מַאכְט זַאט

רֶבִּי סֶענְדֶערְל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן; אִין זַיין שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין עֶסְן. עֶס הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט מַאכְן אַז עֶס זָאלְן אַרִיבֶּערְגֵיין טֶעג און דֶער צַדִיק הָאט גָארְנִישְׁט גֶעגֶעסְן. וִויאַזוֹי הָאט דֶער צַדִיק דָאס גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן? אֵיינְמָאל הָאט אִים אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט וִויאַזוֹי דָאס אִיז מֶעגְלִיךְ. הָאט דֶער צַדִיק מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט אַזוֹי לִיבּ דִי תּוֹרָה, אַז וֶוען עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ הוּנְגֶערִיג "עֶסְט" עֶר נָאךְ אַבִּיסְל תּוֹרָה, און דָאס מַאכְט אִים זַאט!

אֵיין מָאל אִיז זַיין זוּן אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים. עֶר אִיז נָאךְ דֶעמָאלְטְס גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד און עֶר הָאט גֶעוֵויינְט: "טַאטֶע, אִיךְ בִּין זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג."

"קוּם," הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶערוּפְן, "לָאמִיר לֶערְנֶען אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא, וֶועסְטוּ זַאט וֶוערְן."

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען. דֶער טַאטֶע הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט זַיין זוּן תּוֹרָה, און דִי גַאנְצֶע צַייט הָאט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט קַיין הוּנְגֶער.

שְׁפֶּעטֶער, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט לֶערְנֶען, הָאט דָאס קִינְד פְּלוּצְלִינְג גֶעשְׁפִּירְט ווִי עֶר כַאפְּט אַ "בְּלְמוּס" - דָאס מֵיינְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע הוּנְגֶער וָואס אִיז אַ סַכָּנָה פַאר'ן מֶענְטְשׁ. וֶוען זַיין הֵיילִיגֶער טַאטֶע הָאט עֶס גֶעזֶען, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "גֵיי שְׁנֶעל צוּם שָׁכֵן און בָּארְג עֶפֶּעס צוּ עֶסְן."

אָבֶּער דֶער יוּנְגֶער אַייזִיק הָאט גֶעוואוּסְט אַז דֶער שָׁכֵן וֶועט שׁוֹין נִישְׁט וֶועלְן גֶעבְּן, ווייל זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעבָּארְגְט און נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאצָאלְן צוּלִיבּ זֵייעֶר אָרִימְקֵייט; אָבֶּער אַזוֹי ווִי דֶער טַאטֶע הָאט גֶעהֵייסְן, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען.

וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן הוֹיז, הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַ גוֹי זִיצְן דָארְט מִיט פֵיינֶע פְרִישֶׁע בְּרוֹיט און בְּרוֹינְפְן. "דוּ ווִילְסְט עֶסְן?" הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם אִינְגְל. אַייזִיק, וֶועלְכֶער הָאט גֶעשְׁפִּירְט ווִי עֶר חַלֶשְׁ'ט פַאר הוּנְגֶער, הָאט גֶעזָאגְט "יָא" און גֶענוּמֶען דָאס עֶסְן.

וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ, הָאט זַיין טַאטֶע זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן

אֵלִיָהוּ הַנָבִיא, אָבֶּער פַארְוָואס הָאסְטוּ אִים גֶעדַארְפְט זֶען פַארְשְׁטֶעלְט וִוי אַ גוֹי?"

מִיר זֶעעֶן פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז וֶוען אַ אִיד נֶעמְט אוֹיף זִיךְ דֶעם "עוֹל תּוֹרָה", דָאס הֵייסְט עֶר וִויל נָאר לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, הֶעלְפְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן זָארְגְט אַז זַיין מִשְׁפָּחָה זָאל הָאבְּן אַלֶעס וָואס זֵיי דַארְפְן.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי סֶענְדֶערְל קָאמַארְנֶער זי"ע אִיז אַלְט גֶעוֶוען אַכְט אוּן פֶערְצִיג יָאר, אִינֶעם יָאר תקע"ח, הָאט עֶר גֶעזֶען פוּן הִימְל אַז עֶר גֵייט שׁוֹין נִפְטָר וֶוערְן. עֶר הָאט זִיךְ דַאן גֶעזֶעגְנְט פוּן זַיין הֵיילִיגְן זוּן אוּן אִיז גֶעפָארְן קַיין אוּנְגַארְן. עֶר אִיז אַרוּמְגֶעפָארְן אִין עֶטְלִיכֶע שְׁטֶעט בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אוּהֶעל, דִי שְׁטָאט וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה הָאט גֶעוואוֹינְט.

עֶר אִיז דָארְט אָנְגֶעקוּמֶען שַׁבָּת פַּרְשַׁת עֵקֶב אוּן הָאט פַארְבְּרֶענְגְט אַ דֶערְהוֹיבֶּענֶעם שַׁבָּת אִינְאֵיינֶעם מִיטְ'ן יִשְׂמַח מֹשֶׁה. בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, אִינְמִיטְן זָאגְן תּוֹרָה, הָאט דֶער צַדִיק צוּרִיקְגֶעגֶעבְּן זַיין לוֹיטֶערֶע אוּן רֵיינֶע נְשָׁמָה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיידֶער עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, הָאט דֶער צַדִיק אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַ בְּרִיוו פַאר דִי חֶבְרָה קְדוּשָׁה אוּן זֵיי אָנְגֶעזָאגְט אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט עֶפֶענֶען דֶעם בְּרִיוו בִּיז כ"ח תַּמוּז שְׁנַת תר"א (כִּמְעַט פֶערְצִיג יָאר נָאךְ יֶענֶעם טָאג!).

וֶוען דִי חֶבְרָה קְדוּשָׁה הָאט גֶעעֶפְנְט דֶעם בְּרִיוו כ"ח תַּמוּז תר"א, הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען אַז עֶס שְׁטֵייט דָארְט: "דֶער וָואס וֶוערְט נִפְטָר כ"ח תַּמוּז תר"א, זָאל מֶען בַּאעֶרְדִיגְן נֶעבְּן מִיר."

יֶענֶעם טָאג, כ"ח תַּמוּז, אִיז דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה נִפְטָר גֶעוָוארְן, אוּן מֶען הָאט אִים טַאקֶע מְקַבֵּר גֶעוֶוען נֶעבְּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי סֶענְדֶערְ'ל. אִין דִי שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן הָאט מֶען אוֹיפְגֶעבּוֹיט אַן אוֹהֶל אִיבֶּער דִי צְוֵויי צַדִיקִים.

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.**



דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיט דִי תַּלְמִידִים בַּיים צִיוּן פוּן הַיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע.

אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט לִיגְט דֶער הַיילִיגֶער רֶבִּי סֶענְדֶערְל קָאמַארְנָא זי"ע.

# מִשְׁפַּחַת גליק

### הֶעלְפְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

צִירִי דֶערְצֵיילְט: הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט זֵייעֶר אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע טָאג. אִיר קֶענְט דִי טֶעג וָואס מֶען פְּלַאנְט עֶפֶּעס, אוּן דֶערְנָאךְ מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אַלֶעס זָאל זִיךְ טוֹישְׁן? הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה.

הַיינְט נָאךְ דֶעי קֶעמְפּ בִּין אִיךְ אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן שְׁפִּילְן מִיט מַיינֶע שְׁכֵנִים. שְׁכּֿחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מִיר זֶענֶען פִינְף מֵיידְלֶעךְ בְּעֶרֶךְ דִי זֶעלְבֶּע עֶלְטֶער, אוּן מִיר פַארְבְּרֶענְגֶען זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק. חַיָה'לֶע קְרוֹיס הָאט אוּנְז גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן מַסְבִּיר זַיין אַ נֵייעֶ שְׁפִּיל וָואס זִי הָאט אוֹיפְגֶעטְרַאכְט. מֶען לֵייגְט אַרָאפּ צְוַוייגְן אוֹיף אַלֶע פִיר זַייטְן, מֶען צֶעטֵיילְט זִיךְ, אֵיינֶער שְׁטֵייט אִינְדֶערְמִיט...

נָאךְ אֵיידֶער חַיָה'לֶע הָאט גֶעעֶנְדִיגְט מַסְבִּיר זַיין דִי גֶעים, הֶער אִיךְ וִוי מַיין מַאמֶע רוּפְט מִיר אַרַיין. דִי עֶרְשְׁטֶע רֶגַע הָאט דֶער יֵצֶר הָרָע מִיר אַיינְגֶערֶעדְט אִיךְ זָאל זִיךְ מַאכְן וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהֶערְט. אָבֶּער גְלַייךְ דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ כַאפּ אוּן גְלַייךְ אַרַיינְגֶעלָאפְן.

אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט וִוי מַיינֶע חַבֶר'טֶעס אוּן אוֹיךְ אַנְדֶערֶע יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער הָאבְּן מִיטְגֶעהַאלְטְן וִוי מַיין מַאמֶע רוּפְט מִיר אוּן אִיךְ פָאלְג גְלַייךְ. אִיךְ הָאבּ שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעדַאנְקְט דִי בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעפָאלְגְט דִי יֵצֶר טוֹב, אַזוֹי הָאבְּן אַנְדֶערֶע זִיךְ גֶעקֶענְט אָפְּלֶערְנֶען פוּן מִיר. "צִירִי," הָאט מַיין מַאמֶע מִיר גֶעזָאגְט, "אִיךְ גֵיי יֶעצְט מִיט אוּנְזֶער שְׁכֵינָה, לעווי'ס מַאמֶע, צוּ אַ קָאנְטְרִי צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי קָאמְפֵּיין. אִיךְ דַארְף דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי דְרֵיי קְלֶענֶערֶע קִינְדֶער."

עֶס הָאט מִיר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעשְׁמֶעקְט. דָאס הָאט גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט קֶענֶען גֶעהֶערִיג מִיטְשְׁפִּילְן מִיט מַיין חַבֶר'טֶעס. מַיין מַאמֶע הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט אוּן מִיר גֶעזָאגְט, "צִירִי, מִיר אַלֶע וֵוייסְן וִויפִיל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט פַאר אוּנְז. אוּן וִויפִיל מִיר וֵוייסְן, וֵוייסְן מִיר נִישְׁט אַלֶעס. אֱמֶת?"

אִיךְ הָאבּ צוּגֶעשָׁאקְלְט מִיט מַיין קָאפּ. אַוַודַאי, דֶער רֹאשׁ



ח. צ. גליק

יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶפְנְט בֵּית פֵּיְגָא, דִי בֶּעסְטֶע סְקוּל וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, אַלֶע שִׁיעוּרִים און חִיזוּק.

"צִירִי, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִויאַזוֹי אִיךְ קֶען אַבִּיסְל צוּרִיקְצָאלְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז הֶעלְפְן אַבִּיסְל שַׁאפְן גֶעלְט, און וֶוען דוּ בְּלַייבְּסְט אִינְדֶערְהֵיים אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, הָאסְטוּ אוֹיךְ אַ חֵלֶק אִין הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת."

אִיךְ הָאבּ גוּט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעזָאגְט און אִיר גֶעוואוּנְטְשְׁן הַצְלָחָה.

נָתִי און וֶועלְוֶועלֶע הָאבְּן גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען וֶוען מַיין מַאמֶע אִיז אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ.

אִיךְ בִּין צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם פּוּשְׁקֶע און אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ פֶּעני און זִיךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל מִיר הֶעלְפְן און אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ. "קוּמְטְס קִינְדֶער, מִיר גֵייֶען אִינְדְרוֹיסְן."

מִיר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען שְׁפִּילְן אִין אוּנְזֶער בֶּעק יַארְד. אִיךְ הָאבּ שְׁנֶעל אַוֶועקְגֶעשְׁטוּפְּט דִי גֶעדַאנְקֶען פוּן מַיינֶע חַבֶר'טֶעס וָואס שְׁפִּילְן יֶעצְט צוּזַאמֶען, און זִיךְ דֶערְמַאנְט וָואס מִיר הָאבְּן אַמָאל גֶעלֶערְנְט אִין סֵפֶר הַמִידוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אַז דוּרְךְ צְדָקָה פַארְמֶערְט מֶען יְשׁוּעוֹת. אִיךְ הָאבּ גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיין מַאמֶע הָאט כֹּחַ צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט.

מִיר הָאבְּן זֵייעֶר גוּט פַארְבְּרֶענְגְט אִינְדְרוֹיסְן. אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן נַאכְטְמָאל און דֶערְנָאךְ גֶעטֵיילְט אַייז.

אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט זִיכֶער אַז עֶס אִיז דָא קַאלְטֶע וַואסֶער גְרֵייט פַאר מַיין מַאמֶע וֶוען זִי קוּמְט אַהֵיים.

נָאךְ אַ שָׁעָה און אַ הַאלְבּ אִיז מַיין מַאמֶע טַאקֶע אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פְרֵיילִיךְ און אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט.

פְלוּצְלִינְג וָואקְט אוֹיךְ אַרַיין מַיין טַאטֶע און מֶענְדִי. אִיךְ הָאבּ דַאן אוֹיסְגֶעפוּנֶען אַז זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ קִרְיַת יוֹאֵל אוֹיךְ צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי קָאמְפֵּיין.

מֶענְדִי הָאט דֶערְצֵיילְט אַפָּאר אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט, און מִיר הָאבְּן אַלֶע גֶעדַאנְקְט דִי בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר זֶענֶען פוּן דִי אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס וֵייסְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.



# מיט  תפלה




געמאלן דורך: **ר. וועבערמאן**

די מעשה פון תפילה ווערט גענומען פון "קול ברסלב" האטליין. לאזט אריין אייער מעשה, און די בעסטע מעשה וועט ווערן געמאלן.

# אין איין בילד

טרעף צו
וועלכע
שיחה
פון רבי'ן
דערמאנט
דיך דעם
בילד





**ענטפער פון פאריגע וואך:** עיקר תשובה איז שווייגן אויף בזיונות!

# קליין און שיין



יחזקאל דעפריס



חי רייזי גלויבער לינדען



נחמן נתן הײלפרין



משפחת שטײנבערג



פײגי און שרי עקשטײן



בית פיגא שטעטל ערשטע קלאס



לייבי יאקאב



מענדי שווארץ



משפחת בירנבוים

# שרייב טישל

## טרעף די וועג

**בעט דעם אייבערשטן זאלסט קענען זיין אין אומאן ראש השנה!**

↓



↓



## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ט | א | נ | ק | ו | מ | ע | נ | ד |
| ס | מ | ד | ק | צ | ז | ו | כ | ה |
| ב | צ | ע | ל | ז | צ | ט | ח | ל |
| נ | נ | ר | נ | כ | א | ח | ט | ת |
| ע | צ | מ | י | א | ק | ל | מ | פ |
| א | ד | א | ו | מ | א | נ | נ | ל |
| י | ח | נ | ו | כ | ה | א | מ | ש |
| י | ב | ע | ו | י | א | ש | ס | ז |
| ב | ע | נ | ש | ל | כ | ס | נ | י |
| ע | ט | ה | ז | י | י | נ | א | ה |
| ר | נ | ת | פ | י | ל | ו | ת | ע |
| ש | א | ג | ו | ר | פ | ו | ש | ו |
| ט | נ | ז | צ | א | י | י | כ | ו |
| נ | מ | א | ו | ש | ו | ל | מ | נ |
| ר | ב | נ | ר | י | א | ר | י | ע |
| ק | י | ד | ב | ל | מ | ב | נ | ב |
| א | ע | ע | י | ר | ר | י | ס | א |
| ג | ו | מ | י | ח | י | ו | ט | ה |
| ג | ח | מ | מ | ז | נ | ג | צ | ר |

אזוי אויך וויל איך אייך דערמאנען צו בעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן זוכה זיין צו זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה; אין אומאן קען מען נאר אנקומען מיט אסאך תפילות.

*(עצתו אמונה מטו"א תשע"ח)*


1
דער בעל בטחון
שְׁפַּאנֶענְדֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶע רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט.
דֶער קֶענִיג זִיצְט זִיךְ פְּרֵיילִיךְ אוֹיף זַיין שְׁטוּהְל אִינֶעם קֶענִיגְלִיכְן פַּאלַאץ.
וֶוער אִיז דֶען פְּרֵיילִיכֶער וִוי מִיר, דֶעם הוֹיכְגֶעשֶׁעצְטְן קֶענִיג... קֵיינֶער!
הְמְמ...
וֶוער זָאגְט? אֶפְשָׁר אִיז יָא פַאַרְהַאן פְּרֵיילִיכֶערֶע וִוי מִיר?... אִיךְ מוּז עֶס גֵיין נָאכְקוּקְן!
אִיךְ וֶועל זִיךְ אָנטוּן וִוי אַ פָּשׁוּט'עֶר פּוֹיעֶר, אוּן אַרוֹיסְגֵיין קוּקְן אוֹיב אֵיינֶער אִיז פְּרֵיילִיכֶער פוּן מִיר...
לֵיינְט וַוייטֶער קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה.